איחוד תלמידי וחסידי טאהש

גליון
# באור החיים

פרשת לך לך - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתנ"ג

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרבני הנגיד מוה"ר יוסף יודא ארי' ארגעל הי"ו
לרגל שמחת נישואי בנו החתן כמר יעקב שמעי' ני"ו למזל טוב ובשעטו"מ
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' יעקב שאול ראטטענשטיין הי"ו (ווממסב"ג)
לע"נ אביו הרה"ח ר' דוד מנשה ב"ר שמואל ז"ל
ובזכות זה יברכהו השי"ת בברכה והצלחה בכל מילי דמיטב עד עולם אמן

### כל השפעות נמשך ממקום המקדש, ותלוי בעבודת בני ישראל

**לך לך מארצך וממולדתך וכו', והיה ברכה וכו', ויהי רעב בארץ וכו'.**

הנה צריך לבאר כמה דקדוקי הפרשה.

א. רש"י הק' פירוש על הפסוק לך לך מארצך, להנאתך ולטובתך ושם אעשך לגוי גדול, וכאן אי אתה זוכה לבנים, ענין זה צריך ביאור, למה לא יזכה להוליד בנים, כי אם על ידי שילך ויגלה מארצו.

ב. רש"י הק' פירוש על הפסוק והיה ברכה, עד עכשיו היה בידי לברך אדם ונוח, ומעכשיו אתה תברך את אשר תחפוץ, וגם זה צריך ביאור למה דייקא כאשר יגלה מארצו, יקבל הכח לברך את אשר תחפוץ.

ג. להלן כתיב ויהי רעב בארץ וירד אברם מצרימה לגור שם וגו', כבר עמדו המפרשים לבאר אם היה רצונו יתברך שיגיע לארץ כנען, למה סיבב שיצטרך לצאת משם מפני הרעב.

ויבואר על פי מה שכתבו בספרים הק', שכל השפעות הבאות לעולם, נשפעות ונמשכות ממקום המקדש, ששם מקור השפעות החיות לכל העולם, ושם שורש כל הבריאה, כמו שאמרו חז"ל על האבן שבמקום המקדש, (יומא נד:) למה נקרא שמה אבן שתי', כי ממנו הושתת העולם, היינו שממנו נבנה ונתייסד כל העולם ומקבל תמיד חיותו משם, וגם חיות האדם בא משם, דהאדם נברא ונוצר ממקום זה.

אבל באיזה אופן יומשך ההשפעה וההארה ממקום המקדש, זה תלוי בכל אדם כפי מה שהוא מקושר לשם במחשבתו, שכפי מה שהאדם מכוין דעתו ולבו אל מקום המקדש וירושלים, כן נשפעה עליו ההשפעה משם, לכן עד שלא זכה אברהם אבינו ע"ה לחונן את עפר ארץ הקודש, לא היה אפשר לו לקבל כראוי את ברכת ה' הנשפע משם לכל העולם, דכיון שמעולם לא טעם מאור זיווה, לא היה שייך שיהא מקושר לשם בדעתו.

ולתכלית זו אמר הקב"ה לך לך מארצך וגו', כדי שיגיע בדרכו לארץ הקודש ויטעם מאור ה' הנשפע שם, ועי"ז יתקשר דעתו לשם ויוכל לקבל השפעות משם, ועל דרך זה קיבל כח הברכה לקרב העולם בהשפעות שמקבל ממקור הברכה.

ולזה סיבב הקב"ה שיהא רעב בארץ, ויצטרך לירד משם מצרימה, כדי שגם בעת היותו בגלות בארץ אחרת יומשך עליו הארה והשפעה מארץ הקודש, ובזה ידרוך דרך לצאצאיו בני ישראל

המשך בע' ה

נתנדב על ידי הרבני הנגיד המפואר רודף צדקה וחסד לב טוב ומטיב לכל
מוה"ר משה שמואל ראטטענשטיין הי"ו
לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב
הרב החסיד המפורסם ר' דוד מנשה בן ר' שמואל ז"ל
נפטר בשם טוב ובשיבה טובה ביום ט' תשרי דהאי שתא
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
פרנס פעולות האיחוד לחודש חשון
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א


**אשרי משכיל אל דל, וואיל איז פאר דעם מענטש וואס פארשטייט אויף זיין דלות, אז ער האט נאכנישט גענוג געטון, און זוכט אלץ צו טון מער און מער.** (אמ"ק ח"א רצ"ט)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דברי רב - באדיש


המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' **יואל גאנדעל** שליט"א ר"מ בישיבותינו הק' ניו יארק
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


## די טעם פארוואס דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו להנאתך ולטובתך

ויאמר ה' אל אברהם לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך, ואעשך לגוי גדול ואברכך ואגדלה שמך, זאגט רש"י הק' לך לך, להנאתך ולטובתך, ושם אעשך לגוי גדול, וכאן אי אתה זוכה לבנים, ועוד שאודיע טבעך בעולם.

פרעגן די ספרים הק' פארוואס האט דער אייבערשטער געדארפט צוזאגן פאר אברהם אבינו די אלע הבטחות כדי ער זאל נתרצה ווערן צום ציווי ה', אברהם אבינו האט זיך שוין אריינגעווארפן אין קאלעך-אויבן על קידוש ה', וואלט ער דאך זיכער מקיים געווען די ציווי ה' אן באקומען פאר דעם שכר.

שטייט ווייטער אין פסוק וילך אברם כאשר דיבר אליו ה' וילך אתו לוט, זענען די מפרשים מדייק אויף דאס וואס דער פסוק זאגט כאשר דיבר אליו ה', וואס דאס איז לכאורה איבריג, אויך דארף מען פארשטיין די שינוי הלשון קודם זאגט ער "ויאמר" ה' אל אברם, און דא שטייט בלשון דיבור, כאשר "דבר" אליו ה'.

נאך שטעלן זיך די מפרשים, פארוואס האט אברהם מיטגענומען מיט זיך לוט, חז"ל זאגן דאך אז כל זמן די רשע איז געווען מיט אים האט זיך דער דיבור פורש געווען פון אים.

וועלן מיר מבאר זיין דעם ענין, צו פארשטיין אביסל די מעשים פון אברהם אבינו, - וואס אין די אלע פרשיות פון די אבות הקדושים ליגט באהאלטן מורא'דיגע זאכן.

עס איז ידוע, אז די גאנצע תכלית פון די הליכות פון אברהם אבינו איז געווען כדי צו אנגרייטן א וועג פאר די דורות ווייטער, און פארדעם האט דער אייבערשטער מסבב געווען אז אברהם אבינו זאל דארפן אראפגיין אין מצרים, אזוי ווי חז"ל זאגן אז ווען ער איז אראפגעגאנגען קיין מצרים האט אים דער אייבערשטער געזאגט "צא וכבוש את הדרך לפני בניך", וואס דאס מיינט ער זאל מכניע זיין דארט די כח הטומאה פון מצרים, וואס דאס איז געווען די ערות הארץ, און ער זאל מעלה זיין די ניצוצי הקדושה וואס איז געווען מושקע בין הקליפות, און דורכדעם זאל ער אנגרייטן די וועג פאר אידישע קינדער, ווען זיי וועלן דארפן גיין אין גלות מצרים.

אבער כדי אברהם אבינו זאל קענען מכניע זיין די כח הקליפה, האט ער געמוזט האבן עפעס א שייכות צו די קליפת מצרים, און האבן א נסיון און א מלחמה מיט די כח הרע פון קליפת מצרים לויט זיין מדריגה, און דורך דעם וואס ער וועט זיך מתגבר זיין און מלחמה האלטן קעגן זיי, וועט ער קענען מכניע זיין זייער כח הטומאה, און מוציא זיין די ניצוצי הקדושה פון זיי.

אבער אברהם אבינו צוליב זיין גרויס קדושה, האט ער נישט געהאט קיין שום שייכות מיט די קליפת מצרים, און פארדעם האט אים דער אייבערשטער געזאגט, לך לך, להנאתך ולטובתך, ושם אעשך לגוי גדול, וואס מיט די אלע זאכן האט אים דער אייבערשטער געוואלט מרמז זיין, אז יעצט דארף ער אינזינען האבן מיט זיין גיין להנאתו ולטובתו, כדי דורך דעם זאל ער האבן עפעס א שייכות צו די כח הגופני, און דורכדעם וועט ער האבן עפעס א שייכות צום קליפת מצרים, און קענען מעלה זיין די ניצוצות הקדושים.

און פארדעם האט דער אייבישטער נישט געהייסן גיין בלשון דיבור, ווייל דיבור איז א לשון ציווי, און דער אייבערשטער האט געזען אז אויב ער וועט אים באפעלן מיט א לשון ציווי, וועט ער נישט קענען מכוין זיין להנאת עצמו, פארדעם האט אים דער אייבערשטער געזאגט בלשון אמירה, ויאמר ה' אל אברם, ווייל אמירה איז לשון רכה און נישט קיין ציווי המכריח, און וויבאלד אברהם אבינו וועט אויסוועלן מצד עצמו צו גיין וועט ער שוין יא קענען אינזינען האבן אביסל להנאתו, און דורך דעם וועט ער האבן עפעס א שייכות צו די קליפת מצרים און קענען אויפטון וואס ער דארף אויפטון.

אבער אברהם אבינו, אפי' נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט בלשון רכה, איז נאך אלץ נישט געווען בכח צו אינזינען האבן להנאתו ולטובתו, ווייל סוף כל סוף איז געווען דער רצון ה' ער זאל ארויסגיין פון זיין לאנד, און דאס זאגט דער פסוק וילך אברהם כאשר 'דיבר' אליו ה', דאס מיינט ער האט מקבל געווען די ווערטער פונעם אייבערשטן, כאילו דער אייבערשטער האט גערעדט מיט אים בלשון ציווי.

און וויבאלד עס איז אזוי געווען, אז ער האט מקבל געווען די ווערטער פונעם אייבערשטער אזוי ווי א דיבור, האט אברהם אבינו געטראכט א עצה וויאזוי ער זאל

# דברות קודש
# מאת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
## אצל מעמד הבאגלייטן – מוצאי שמחות תורה תשפ"ו העעל"ט
פנימי – בלתי מוגה

אחינו בני ישראל, בנים למקום, קינדער פון אייבערשטן, קינדער פון רבינו הקדוש זי"ע. גאנץ כלל ישראל האט זיך אויסגעוואשן די חודש, מען האט זיך אויסגערייניגט פאר'ן אייבערשטן, מען האט מקיים געווען דאס וואס די קדמונינו ברענגן אז אריה שאג מי לא יירא, ארי"ה איז ר"ת א'לול, ר'אש השנה י'ום הקדוש און ה'ושענא רבא, אידישע קינדער האבן זיך אויסגעוואשן, מען האט מורא געהאט אבער ברוך ה' מען האט תשובה געטון, יעצט שטיי מיר דא, וואס רביה"ק פלעגט צו זאגן 'הבוחר בשירי זמרה', הבוחר, דער אייבערשטער טוט אויסוועלן דאס וואס טוט איבערבלייבן נאך די הייליגע טעג, וואס נעמט מען ארויס פון די טעג וואס מען האט זיך אויסגעבעטן, שירי זמרה וואס ס'בלייבט איבער, די שיריים וואס מען נעמט מיט.

דארף מען איין זאך וויסן, איך וויל נאכזאגן א מדרש. ס'איז דא א מורא'דיגע מדרש, די מדרש תלפיות ברענגט א משל, ס'איז געווען אמאל א רועה, א פאסטוך, ער איז געגאנגען אין די וועלדער, אויפאיינמאל האט ער געזען א לייב קומט קעגן אים, ער האט געזען די לייב וויל אים צורייסן ממש! וואס האט ער געטון? ער האט ארויפגעלייגט א שמאטע, א דעק אויפ'ן קאפ פון די לייב און צוגעדעקט די אויגן פונעם לייב, און די לייב האט אפגעלאזט די כוחות, און ער האט געקענט באזיגן דעם לייב, זאגט די מדרש 'בניקל', גרינגערהייט, די לייב האט אים גארנישט געקענט טון.

וואס וויל מען ארויסברענגען, די לייב, זיין גאנצע כח ווען ער זעט א מענטש, צי ווען ער וויל עפעס טון, זיין כח איז נאר מיט די אויגן, ווען ער זעט מיט די אויגן דעמאלטס איז ער די שטערקסטע, קען ער צורייסן א מענטש, יעדע זאך וואס ער האט. אבער ווען מען דעקט אים צו, ווערט ער גלייך זייער שוואך. דאס איז מרומז אין די ווארט אריה, די אותיות פון ארי"ה, איז אויך ראי"ה, זען.

די נמשל איז, די לייב דאס איז די יצר הרע. דעם אריה שאג מי לא יירא האמיר שוין מקיים געווען, מען האט אפגעראכטן די הייליגע טעג ווי עס דארף צו זיין, יעצט דארף מען זעהן די הבוחר בשירי זמרה, וואס בלייבט איבער, וואס נעמט מען מיט פון די ימים טובים, וואס וויל דער אייבערשטער פון אונז, די אויגן זאלן זיין הייליג.

אידישע קינדער, אונז זענען אלע קינדער פונעם אייבערשטן, קינדער פון רבינו הקדוש, יעדער פארשטייט און יעדער איינער ווייסט, ווער ס'האט דא געלערנט, און ווער ס'גייט אהיים, און ווער ס'הערט פון די עלטערן, רבינו הקדוש האט אויפגעשטעלט דאס שטעטל, די הייליגע שטאט, כדי ס'זאל זיין הייליגע אויגן פאר

קענען אריינברענגען אין זיך עפעס א נגיעה און א שייכות צום כח הרע, פארדעם האט ער מיטגענומען מיט זיך לוט, ווייל עס איז ידוע פון ספרים הק' אז אפי' א צדיק איז ריין פון יעדע פגם, דעס-וועגן-דאך אויב די מענטשן ארום אים זענען פגומים, זענען זיי גורם הרהורים און בלבולים פאר'ן צדיק, און דער צדיק דארף זיך ארופלאזן צו זיי, מעלה צו זיין און מתקן זיין, פארדעם האט אברהם אבינו מיטגענומען מיט זיך לוט, וואס דורך דעם איז אריינגעגאנגען אין אים א נגיע כל דהוא צום כח הרע, און דורך דעם האט עס געהאט עפעס א בחינה פון א נסיון ווען ער איז אראפגעגאנגען קיין מצרים, און דורך דעם האט ער געקענט מתקן זיין וואס ער האט געדארפט מתקן זיין און אויסטרעטן די וועג פאר אידישע קינדער.

און דאס זאגט דער פסוק וילך אברם כאשר דיבר אליו ה', דאס מיינט אז אברהם אבינו האט אנגענומען די ווערטער פונעם אייבערשטן אזוי ווי א בחינת דיבור המכריח, וועגן דעם "וילך אתו לוט", כדי אז דורך דעם זאל ער האבן עפעס א שייכות צום קליפת מצרים און מוציא זיין פון זיי די ניצוצי' הקדושה.

פאר דעם תיכף נאך וואס אברהם אבינו איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, האט ער שוין נישט געדארפט צוקומען צו לוט, האט ער אים געזאגט "הפרד נא מעלי, אם השמאל ואימינה ואם הימין ואשמאילה", און לוט איז זיך געגאנגען זיין וועג צו סדום, און אברהם אבינו איז דאן נתעלה געווארן אין מדריגות הקדושה, און זוכה געווען צו התגלות אלקות אויף א העכערע מדריגה, אזוי ווי רש"י הק' זאגט, כיון שנפרד לוט מאתו נתייחד עמו הדיבור.

(עבו"ע דב"ק)

אונזערע קינדערלעך, דאס הייסט אנשים נשים וטף, פאר מענער און פאר נשים און פאר קינדער, אויף יעדעם ליגט א אחריות, אפילו אויף די טף, דאס מיינט די קינדערלעך, כאטש זיי פארשטייען נאכנישט, אבער די אנשים ונשים זיי טוען אויפציען די קינדערלעך, דארף מען זען ס'זאל זיין, די ראיה זאל זיין אפגעהיטן.

ווען ווערט א מענטש פארזינדיגט, ווען האט דער יצר הרע א כח, ווען עין רואה, וואס דורכדעם ולב חומד. ווען די אויגן פון א מענטש זעהט עפעס נישט גוט, טוט עס אים אנצינדן, דעמאלטס קען ער ח"ו טון א עבירה.

איז יעצט ווען אונז האמיר זיך אויסגערייניגט, כלל ישראל איז ריין, אונז אלע זעמיר ריין פון אלע עבירות, מען האט געגעבן שבח והודאה פאר'ן אייבערשטן, מען האט געבעטן אויף די נייע יאר, דארף מען מיטנעמען דאס, אז ס'זאל טאקע זיין אריה שאג מי לא יירא, מען זאל זיך דערמאנען, אזוי ווי אין שולחן ערוך ווערט געברענגט אין אורח חיים, די ערשטע זאך פון א מענטש ווען ער שטייט אויף אינדערפרי, יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו. וואס הייסט כארי? אזוי ווי די לייב, די לייב האט זיין שטארקייט אין די אויגן, נאר וויל ער זעט מיט די אויגן טוט עס אים אויפרייצן די גאנצע זאך, די מינוט וואס ער זעט נישט, קען ער נישט, די זעלבע איז די יצר הרע, ווען קען ער בייקומען א מענטש, מיט די אויגן דעמאלטס איז ער שטארק, אבער טאמער מען היט זיך די אויגן, מען ווארפט ארויס דעם יצר הרע, מען דערמאנט זיך אז יתגבר כארי, איך בין אזוי שטארק ווי א לייב, און אז דער לייב קען מען בייקומען אז מען טוט אים צודעקן, ער פארלירט זיין גאנצע שטארקייט, אזוי דארף א מענטש וויסן ווען די יצר הרע קומט אריין אין אים, זאל ער אים מאכן פארלירן, זאל ער נישט ווילן זען וואס מען טאר נישט, האבן הייליגע אויגן, און מיט דעם קען מען ווייטער אזוי מצליח זיין פאר זיך אין די תורה, אין אמונה, און אין אלע עבודת השי"ת.

מען האט ב"ה מקיים געווען די זאכן, אלול, ראש השנה, יום הקדוש, סוכות, ווערט נאכגעברענגט פון הייליגן קאברינער זי"ע, אז די אלע זאכן וואס מען גרייט זיך צו חודש אלול, ראש השנה, יוה"ק, סוכות, הושענא רבה, אלעס איז א הכנה פאר איין זאך, צו וויסן אז אתה הראת לדעת כי ה' היא האלקים אין עוד מלבדו, וואס מען זאגט ביי די הקפות שמחת תורה ביינאכט, ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט, דאס איז די גאנצע זאך צו וואס מען גרייט זיך צו, און דאס איז וואס מען דארף מיטנעמען.

אתה הראת לדעת כי ה' היא האלקים אין עוד מלבדו, ס'איז נישטא נאך איינער ווי די באשעפער, און נאר צו אים קען מען בעטן, און נאר אין אים דארף מען גלייבן, און אזוי טוט יעדע איד וואס שטייט אויף אינדערפרי, איז יתגבר כאר"י, די ערשטע זאך דערמאנט ער זיך אין א'לול ר'אש השנה י'וה"ק, ווי אזוי ער האט זיך מקבל געווען די אלע קבלות טובות, די צווייטע זאך איז ער ליינט קריאת שמע בזמנה, מקבל זיין עול מלכות שמים, און נאכדעם ברענגט עס אים אזוי ווייטער און ווייטער צו אפרעכטן די טאג ווי עס דארף צו זיין. און אזוי האט מען טאקע געטון, מען האט געטאנצן ברוך ה' מיט די הייליגע תורה שמחת תורה, שמיני עצרת, צווישן יעדע הקפה האט מען זיך אפגעשטעלט, מען האט עקסטער איבערגעזאגט שמע ישראל און ה' מלך, צו וואס, פארוואס דארף מען זיך אפשטעלן ביי יעדע הקפה, מען קען זיך אראפשטעלן נאר ביי די ערשטע, און מען וועט שוין וויסן אז דארף מען אינזין האבן ביי אלע, נאר ארויסצוווייזן אז ווען מען גייט טאנצן מיט די תורה, דארף מען וויסן ה' אלקינו ה' אחד, מען דארף וויסן ה' מלך ה' מלך ה' ימלוך לעולם ועד, נאר אזוי קען מען אנהאלטן, מיט די ריכטיגע אמונה.

ווייטער זאל מען זען מען זאל קומען צום דאווענען באצייטנס, די הייליגע אר"י הקדוש זי"ע ברענגט אז טאמער איינער גייט ארויס אינמיטן דאווענען, - די גאנצע שפע וואס דער אייבערשטער שיקט אראפ פאר א מענטש טיילט מען דאך נאכ'ן דאווענען, איז טאמער מען גייט אוועק אינמיטן דאווענען פארלירט מען די שפע.

אידישע קינדער דארפן דאך האבן שפע ברוחניות ובגשמיות, פון אלע זייטן, איז אז מען איז דארט ביים דאווענען און מען דאווענט אזוי ווי מען דארף צו דאווענען, קומען באצייטנס, זאגן קרבנות פאר'ן דאווענען, מכפר זיין די עוונות, נאכדעם קען מען בעטן דעם אייבערשטן, ונשלמה פרים שפתינו, מיטן זאגן די קרבנות טוט מען מכפר זיין די אלע שלעכטע זאכן, און אזוי קען מען ווייטער בעטן, אזוי קען מען אויפנעמען די שפע.

אידישע קינדער זענען זיך צוזאמענגעקומען, מען האט דאך געטון וואס דער אייבערשטער האט געוואלט, און מיר ווילן עס ווייטער טון, זאל דער אייבערשטער העלפן ס'זאל טאקע חל זיין די אלע ברכות וואס דארף קומען אויף יעדן איינעם, מען זאגט דאך יום הקדוש ביים דאווענען, ביי שים שלום ענדיגט מען צו, ונאמר כי בי ירבו ימיך ויוסיפו לך שנות חיים וכו', ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום. 'ואתם, הדבקים, בה', אלקיכם, חיים, כולכם, היום', דאס איז זיבן ווערטער; ביי היום תאמצינו איז אויך דא זיבן ברכות, 'היום תאמצינו, היום תברכנו, היום תגדלנו, היום תדרשנו לטובה, היום תשמע שועתינו, היום תקבל ברחמים וברצון את תפלתינו, היום תתמכנו בימין צדקך', צו קענען מקבל זיין די זיבן ברכות, איז נאר ווען מען טוט זיך דביקה'ן צום אייבערשטן, ווי די פסוק ואתם הדבקים וואס איז זיבן ווערטער, אנטקעגן די זיבן ברכות.

אידישע קינדער האבן זיך מקבל געווען, האלטס ענק נאנט ווייטער צום אייבערשטן, בינדטס ענק צו ווייטער צום אייבערשטן, זייטס דבוק צום אייבערשטן, וועט קומען די היום תאמצינו, היום תגדלנו, היום תדרשינו לטובה, היום תשמע שועתינו, היום תתמכנו בימין צדקך, די אלע היום'ס וועלן קומען, ס'וועט קומען היום היינט. יעדן טאג איז דער היום, יעדן טאג ווען א מענטש איז זיך מדבק.

איז דער אייבערשטער זאל העלפן, מען טוט אזוי, זאל מען ווייטער טון, מען זאל אהיימנעמען די ישועות, אלעס וואס מען האט דא גע'פועל'ט, דער צדיק איז דא געווען מיט אונז, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש, דער צדיק קומט אראפ צו אונז יעדע שבת און יום טוב, איבערהויפט אזעלכע הויעכע ימים טובים, זאל מען אהיימנעמען די ברכות, און האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס, מען זאל נישט פארגעסן הבוחר בשירי זמרה, תורה, תפלה, אחדות, אידישקייט, צניעות, קדושה, נישט פארגעסן פון די זאכן וועט דער אייבערשטער נישט פארגעסן פון אונז, יעדער זאל האבן א גוט געבענטשט יאר, ביז מיר וועלן זוכה זיין צום ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# א וואָרט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצואגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **יעקב צבי ברוין** הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' משה דוב נ"י לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### וואס מיינט רש"י צו זאגן "להנאתך ולטובתך"

לך לך מארצך (יב,א). רש"י הק' זאגט "להנאתך ולטובתך". לכאורה איז שווער, ווי אזוי זאגט דער פסוק די שכר אויף מקיים זיין די מצוה, מיר פסק'ענען דאך אז "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא".

אויך ברויך מען פארשטיין, פרשת נח פירט דער תורה אויס "ויצא אתם מאור כשדים ללכת ארצה כנען ויבואו עד חרן". האבן זיי דאך שוין אנגעהויבן צו "גיין", זענען זיי דאך שוין ארויס פון זייער היימלאנד, אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל, פארוואס האט דער אייבערשטער נאכאמאל באפוילן "לך לך מארצך וממולדתך".

מ'קען דאס פארענטפערן לויט ווי דער בכור שור זאגט אין מס' בבא בתרא (דף ט'), א טעם פארוואס שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, ווייל אזוי ווי אויף מבטל זיין א מצות עשה געט מען נישט קיין עונשים אויף די וועלט, דאס זעלבע איז ביים מקיים זיין א מצות עשה געט מען נישט קיין שכר, אבער פארקערט איז ביי א לא תעשה, וואס אויב מען איז עובר באקומט מען אן עונש מלקות, דאס זעלבע איז ווען איינער האלט זיך צוריק פון א לא תעשה באקומט ער יא שכר אויף די וועלט. ע"כ.

לויט דעם קען מען מפרש זיין דעם פסוק "מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל", ווייל די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף ו'), ווען דער אייבערשטער קומט אין ביהמ"ד און געפינט נישט צען מענטשן, ווערט דער אייבערשטער כביכול דערצערענט. אויב אזוי, אז אויף נישט קומען אין ביהמ"ד איז דא אן עונש ווייל ווען השי"ת איז אין כעס איז דא אן עונש אויף א ביטול מצות עשה, דעריבער ווען מען קומט יא אין ביהמ"ד באקומט מען יא שכר. דאס איז פשט אין פסוק, "מה טובו אהליך יעקב וגו'", ווי גוט איז דאס קומען אין ביהמ"ד, ווייל אויף דעם באקומט מען שכר, מער ווי ביי אלע אנדערע מצוות.

רש"י זאגט סוף פרשת נח אויפ'ן פסוק "וימת תרח בחרן", אז ביז איצט איז געווען א חרון אף פון השי"ת, אויב אזוי, איז דאך דאן געווען אן "עידן ריתחא", וואס ווי אויבן דערמאנט געט מען אין אזא צייט אן עונש אויף מבטל זיין א מצות עשה, דארף מען דאך אויך געבן שכר אויף מקיים זיין א מצות עשה, דעריבער זאגט דער פסוק "לך לך, להנאתך ולטובתך", ווייל אין אזא זמן געט מען יא שכר אויף מקיים זיין א מצות עשה.

אויך ווערט אצינד פארענטפערט פארוואס דער פסוק חזר'ט איבער דעם ציווי פון "לך לך" כאטש אברהם אבינו איז שוין געווען אויפ'ן וועג, ווייל יעצט ווען ס'איז אן עידן ריתחא געט מען דאך שכר אויפ'ן מקיים זיין א מצות עשה, האט דער תורה געוואלט איבער'חזר'ן פאר אברהם אבינו די מצוה פון "לך לך", כדי אזוי ארום זאל ער באקומען שכר.

(עצי חיים)

### דער לימוד פון "מארצך - וממולדתך - ומבית אביך"

לך לך מארצך וממולדתך (יב,א). עקביא בן מהללאל זאגט, א מענטש זאל קוקן אויף דריי זאכן און דורכדעם וועט ער נישט צוקומען צו טון א עבירה. א' פון וואו ער קומט - פון א טיפה סרוחה, ב' וואו אהין ער גייט - צו א פלאץ פון ערד און ווערים, ג' און פאר וועם ער דארף אפגעבן דין וחשבון - פארן מלך מלכי המלכים הקב"ה.

דאס איז מרומז דא אין פסוק "לך לך" א צדיק גייט יעדן טאג העכער און העכער, פון מדריגה צו מדריגה, און ער דערנענטערט זיך צו זיין שורש וואס איז דבוק אין השי"ת, און מיט וואסערע כח גייט ער העכער און העכער, זאגט די תורה הק' אז דער צדיק געדענקט די אויבענדערמאנטע דריי זאכן, "מארצך", אז א מענטש קומט פון ערד, און ער קומט פון "וממולדתך", "ומבית אביך", אז א מענטש גייט אפגעבן א דין וחשבון אויף אלע זיינע מעשים.

(רב ייבי)

### ל"ך ל"ך גימטריא הונדערט

לך לך (יב,א). ל"ך ל"ך באטרעפט הונדערט. אברם איז יעצט אלט געווען פינעף-און-זיבעציג יאר. אברהם האט געלעבט הונדערט פינעף און זיבעציג יאר. דער פסוק איז דא מרמז "לך לך" האסט נאך צו לעבן הונדערט יאר...

(בעל הטורים)

### דער חילוק פון "ברכה" און "הצלחה"

והי' ברכה (יב,א). וואס איז דער חילוק צווישן ברכה און הצלחה. הצלחה זאגט מען ווען אלעס פאסירט בדרך הטבע, און ברכה איז ווען עס קומט פאר געשעענישן שלא כדרך הטבע. צו דעם אז אברהם אבינו זאל זוכה זיין צו קינדער, האט אויסגעפעלט א וועג פון שלא כדרך הטבע, דעריבער האט אים השי"ת געזאגט, אז דו וועסט ארויפגיין קיין ארץ ישראל וועט אריינקומען די ברכה שלא כדרך הטבע, און ממילא וועסטו זוכה זיין צו קינדער.

המשך מע' א

הקדושים, שאף כשיגיעו בגליותם יצטרכו להתקשר אל מקום המקדש כדי לקבל שפע משם.

(עבודת עבודה פתגמ"ק לך לך)

## שמירת היסוד מצלת מן גיהנם

**ואתה את בריתי תשמור.**

איתא במדרש (ויק"ר) ואתה את בריתי תשמור, ואיזה זה מצות העומר.

לכאורה היא תמוה מאוד, מה ענין מצות העומר למצות ברית מילה.

ופירשו בזה תלמידי בעש"ט הק', כי כאשר צוה הקב"ה לאברהם אבינו 'ואתה את בריתי תשמור אתה וזרעך אחריך לדורותם', לא על מצות מילה בשמיני בלבד צווהו, אלא זהו ציווי לבני ישראל עד סוף כל הדורות, שישמרו את אות הברית בקדושה ובטהרה, שלא לפגום בה חלילה, כמו שאמרו חז"ל שאברהם אבינו יושב על פתחו של גיהנם, ומי שנימול אינו מניח ליכנס לשם, אבל מי שפוגם בבריתו מניחו ליכנס לשם, וזה כוונת המדרש ואתה את בריתי תשמור, "ואיזה" פי' באיזה כח אפשר לאדם לזכות לשמירת הברית ולתקן מה שפגם "זה מצות העומר", שמצות העומר מסוגל לתקן עון המר הזה, ובימי העומר יכול האדם לזכות בניקל לשים חלקו בין נוטרי ברית קיימא קדישא.

(עבודת עבודה דב"ק במדבר)

(הרה"ק היהודי הק' מפרשיסחא זי"ע)

## אברהם מצרימה - גימטריא צוויי מאל שד"י

ויהי כבוא אברם מצרימה (יב,יד). עס שטייט אין ספרים הקדושים אז א יעדער ארט וואו א צדיק גייט, גייט די שכינה מיט מיט אים, און עס היט אים אפ פון אלעם בייזן. קען מען זאגן אז דאס איז מרומז אין די ווערטער "אברם מצרימה" איז בגימטריא תרכ"ח, אזוי ווי צוויי מאל דער שם שד"י, מרמז צו זיין אז השי"ת איז געווען מיט זיי, און ער האט זיי אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס.

(הרה"ק מהרי"ש מבעלזא זי"ע)

## אמונה פון אברהם איז אויך באטראכט געווארן ווי צדקה פונעם אייבערשטן

והאמין בה' ויחשבה לו צדקה (ו,טו). אברהם אבינו האט דאס אליין אז ער האט אמונה, אויך באטראכט פאר א צדקה וואס השי"ת טוט מיט אים און גיט אים די מעגליכקייט צו גלייבן אין השי"ת.

(עבודת ישראל)

## כשם שנכנס לברית - כן יכנס לתורה ועבודה לחופה ולמעשים טובים

ונמלתם את בשר ערלתכם (יז,יא). ביי א ברית מילה וואונטשט מען אן דאס קינד "כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולעבודה לחופה ולמעשים טובים", ווייל מילה איז די איינציגסטע מצוה, וואס דער מענטש איז זיכער מקיים אן שום פניה, אן קיין שום מחשבות זרות. דעריבער וואונטשט מען "כשם שנכנס לברית" אזוי ווי ער איז געברענגט געווארן לבריתֿ, וואס איז געווים געווען אן קיין זייטיגע כוונה, "כן יכנס לתורה ועבודה לחופה ולמעשים טובים", אזוי זאל ער אויך טוען אלע אנדערע מעשים טובים.

(הרה"ק רבי שמואל מקאמינקא זי"ע)

# א מעשה אויף די פרשה

דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע פלעגט זאגן, אז דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע האט אמאל געזאגט פאר זיינע תלמידים, אז ווען עס קומט פרשת לך לך, שפירט ער ווי ער גייט ארויס פון טונקלקייט צו ליכטיגקייט. פארוואס, ווייל אין די פרשה ווערט גערלייַנט ווי אזוי אברהם אבינו האט באלאכטן די וועלט...

*

## לך לך מארצך וממולדתך

דער הייליגער צדיק רבי נחום מטשערנאביל זי"ע פלעגט גאר אסאך טוהן אינעם ענין פון "פדיון שבוים". ער פלעגט אן א שיעור ארומגיין צו צוזאמקלויבן נדבות צו אויסלייזן אידן פון געפעגניש.

איינמאל ווען דער טשערנאבלער איז אנגעקומען אינעם שטעטל זיטאמיר, האבן די ארטיגע גוים אים פאר'מסר'ט צו די פאליציי וועלכע האבן אים זעלבסט אריינגעשליידערט אין תפיסה. פאר עטליכע פון די חשוב'ע ראשי קהלה וועלכע האבן באוויזן אנצוקומען צו באזוכן דעם טשערנאבלער, האט ער ערקלערט, "דער אייבערשטער האט באפוילן פאר אברהם אבינו די מצוה פון "לך לך מארצך", ווייל ווי באקאנט האט זיך אברהם אבינו אויסגעצייכענט אין דער מדה פון הכנסת אורחים, האט אים דער אייבערשטער באפוילן, אברהם גיי ארויס אן וועג, כדי זאלסט שפירן ווי געשמאק מען דארף אויפנעמען און צושטעלן פאר א גאסט.

דאס זעלבע, האט דער טשערנאבלער אויסגעפירט - האט דער אייבערשטער געוואלט ביי מיר, פשוט איך זאל שפירן ווי גוט א איד פילט ווען מען נעמט אים ארויס פון תפיסה. דערפאר האט ער צוגעברענגט אז איך אליין זאל געפייניגט ווערן אין תפיסה, און דערנאך שפירן דעם גוטן געפיל פון באפרייט ווערן...

*

## ואת הנפש אשר עשו בחרן

דער הייליגער צדיק רבי ר' ברוכ'ל ממעזיבוז זי"ע פלעגט פיל מאל ארויסהעלפן פאר אידן מיט זייערע בקשות דורכדעם וואס ער האט זיך געבייזערט אויף זיי. די חסידים האבן שוין געוואוסט, אז אויף ווען רבי ר' ברוכ'ל בייזערט זיך, דער איז שוין א געהאלפענער.

ביי א געלעגנהייט האט ער געטייטשט דעם פסוק. "ואת הנפש" - די צעבראכענע נפשות, "אשר עשו" - וואס זיי האבן פארראכטן, "בחרן" מיט א חרון אף...

דערביי האט רבי ר' ברוכ'ל צוגעוויזן א לשון פון זוה"ק (פרשת וישב), "אית רוגזא דאיהו מברכא דלעילא ומתתא ואיקרי "ברוך"...

*

## אחרי הפרד לוט מעמו

א פראסטער איד האט זיך אמאל אויפגעטאן פאר רבי דוד'ל קארלינער זי"ע אז ער האט געוויסע מאל אין יאר הרהורי תשובה, וואס דאן איז ער אפילו ערליכער ווי סתם א איד. האט אים רבי דוד'ל געענטפערט מיט א שמייכל, מיר געפינען טאקע עטליכע מאל אין די תורה, אז ס'שטייט "באותה שעה כשר הי'", אבער דאס שטייט נאר ביי רשעים, ווי ביי לוט, און ביי די מרגלים. ווייזט אויס אז צו טראכטן פונעם אייבערשטן נאר אין א געוויסע שעה, איז דער דרך פון רשעים...

*

## המול לכם כל זכר.

אין די שטאט חמעלניק האט געוואוינט א איד א גרויסע מסור וועלכע פלעגט אנמאכן צרות פאר די ערליכע אידן, ער פלעגט מסר'ן פאר די מלכות אקעגן זיי. זענען די אידן געגאנגן צו דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע, און געבעטן אז ער זאל מתפלל זיין אז די מסור דער רשע זאל שוין שטארבן, און מען שוין זאל פטור ווערן פון אים.

אזוי ווי זיי זענען אריין געקומען אין חוזה'ס שטוב, און מזכיר געווען די נאמען פון דעם רשע, האט דער הייליגער לובלינער זיך אנגערופען, וואס ווילט איר פון דער איד, זיין נאמען שיינט דאך אזוי ווי דער כהן וואס איז מקריב די קרבנות אויף די מזבח.

די אידן קוקן אן דעם חוזה מיט א גרויסע וואונדער, ווי אזוי קען זיין אז דער חוזה זאל מאכן אזא גרויסע טעות מיט דעם רשע, אבער וויפיל מאהל זיי האבן מסביר געווען פאר דער חוזה ווער דער רשע איז, האט גארנישט געהאלפן, און זיי האבן באקומען די זעלבע תשובה.

נאכ'ן ארויס גיין פאר א ווײלע, האבן זיי מחליט געווען אריין צו גיין נאך אמאל צום חוזה מיט די זעלבע בקשה, און ווי ערשטוינט זענען זיי געווען אז דאס מאהל האט זיי שוין דער חוזה געזאגט עפעס גאר אנדערש, "ער איז דאך א געפערליכע רשע, און ער וועט נישט בלייבן לעבן צו לאנג", וכך הוה.

די חסידים זענען צוריק געפארן, און האבן זיך אינטערעסירט וואס איז געווען ביי די מסור די לעצטע פאהר טעג, האבן זיי אויסגעפונען אז אין די מינוטן ווען דער חוזה האט זיי געזאגט אז זיין נשמה שיינט ווי דער כהן, האט דער מסור געהאלטן אינמיט'ן א ברית מילה פאר זיין זוהן, און חז"ל זאגן אז איינער מאכט א ברית פאר זיין קינד איז אזוי ווי ער איז מקריב א קרבן, און דאס האט דער הייליגער לובלינער געזעהן בשעת מעשה מיט זיין הייליגע אויגן.



המדור הזה נתנדב ע"י הרב **יעקב שמעון מאסקאוויטש** שליט"א (בארא פארק)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לדורות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## המשך דרשת פרקי אבות

### אשר השמיע הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

שב"ק פרשת נצבים תשפ"ה לפ"ק
בבית המדרש הגדול דקריתינו הק'

## אל תטוש תורת אמך

בענין חינוך הבנים מענין לענין באותו ענין, ווען מען רעדט פון מחנך זיין די קינדער, דארף מען צו וויסן, אז איינע פון שטערקסטע יסודות וואס מען דארף אסאך רעדן דערפון מיט די קינדער און אייניקלער, איז אז יעדע זאך וואס עלטערן פירן זיך טאר מען נישט משנה זיין על פי הלכה, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה "שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך", אויך שטייט אין פסוק "ואל תטוש תורת אמך", על פי תורה טאר נישט א מענטש משנה זיין פון די מסורה וואס טאטע אין מאמע האבן אים געלערנט, מיט קיין שום זאך סיי אין די ענינים פון לבוש, און כשרות המאכלים, און אזוי אין אלע הנהגות החיים.

די גמרא דערציילט (מסכת פסחים דף מ"ט) עס איז געווען א שטאט צידון וואס דארט איז געווען יעדע פרייטאג א מארק טאג, וואס מען האט געקענט איינקויפן פאר ביליג, נעבן דעם איז געווען א שטאט מיטן נאמען צור, און דארט האבן געוואוינט א משפחה מיטן נאמען בישן, זיי האבן זיך געפירט אז זיי זענען נישט געגאנגען איינקויפן אינעם מארק ווייל זיי זאלן נישט געוואלט ווערן געשעטערט פון אנגרייטן לכבוד שבת אלע צרכי שבת, יארן שפעטער זענען די קינדער פון בישן געקומען צו רבי יוחנן און געזאגט אונזערע עלטערן האבן טאקע געקענט האלטן די מנהג, זיי זענען געווען רייך, אבער אונז זענען נישט פארמעגליך און עס איז זייער שווער נישט צו גיין צום מארק. האט ער זיי געזאגט עס איז א בפירוש'ע פסוק אז דאס איז אסור, וויבאלד ענקערע עלטערן האבן זיך אזוי געפירט, טארט איר נישט משנה זיין "ואל תטוש תורת אמך".

די הלכה איז פון די שטערקסטע יסודות אין חינוך, און דאס איז נישט נאר א מליצה, דאס איז א חיוב מן התורה ומדברי קבלה, מען דארף דאס איינווארצלען אין די קינדער אין אייניקלער, אז עס איז א איסור גמור משנה צו זיין פון די דרך פון די עלטערן, אפילו עס איז שווער, און אפילו עס קאסט אסאך געלט, און אפילו קיינער פירט זיך נישט אזוי.

דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, און כאטש אברהם איז נתנסה געווארן מיט צען נסיונות, און ער האט מוסר נפש געווען, פונדעסטוועגן האט דער אייבערשטער געזאגט איך האב אים ליב "למען אשר יצוה" ווייל מיט דעם אליין וואס ער האט זיך מוסר געווען, און ער איז נישט מחנך זיינע קינדער צו גיין בדרך ה', וואלט זיך זיין מסירת נפש געענדיגט, אבער יעצט אז ער איז מצוה זיינע קינדער צו גיין בדרך ה', מיט דעם וואס דאס בלייבן אויף אייביגע דורות.

און די ספה"ק זענען מדייק דעם לשון "למען אשר יצוה" מיט א לשון עתיד, ס'וואלט שטייט למען אשר ציוה, נאר וואס דען אברהם אבינו האט מחנך געווען זיינע קינדער אז זיי זאלן מצוה זיין זייערע קינדער, און זייערע קינדער זאל מצוה זיין זייערע קינדער, אזוי ארום וועט די תורה זיך קיינמאל נישט אויפהערן.

א חתן האט אמאל געפרעגט הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע, וואס פאר א קבלה זאל איך מקבל זיין, אז דאס זאל מיר באגלייטן מיין גאנץ לעבן, האט ער אים געענטפערט, די שטערקסטע און בעסטע קבלה איז אז מען איז זיך מקבל צו געבן בדרכי האבות און נישט משנה זיין פון זייער וועג.

ווייל אז מען איז מחונך אז איך קען נישט טוהן וואס איך וויל, איך מוז נאכגיין די וועגן מיינע עלטערן, דעמאלטס איז מען פארזיכערט אז מען וועט נישט פארקריכן, מ'איז געקנופט און געבינדן מיט די דרך פון עלטערן, וואס זיי זענען געקניפט און געבינדן מיט די מסורה פון זייערע עלטערן, אזוי ארום אז אלע דורות זענען מקושר צו איין דרך, ביז אברהם אבינו, און משה רבינו, און אונזערע פריערדיגע דורות.

**אין די לעצטע צייטן זענען דא טערעפיסטן וואס זיי זענען אויפגעקומען אויף א המצאה, אזוי ווי עס זענען דא זייער אסאך וואס ליידן אויף גייסטישע פראבלעמען, ענקזייעטי, או-סי-די, אנגעצויגנקייט, איבער דעם געבן זיי א עצה, אז מען זאל אראפ ווארפן פון זיך יעדע פרעשור, מען זאל טון כל מה שלבו חפץ, מען דארף זיך בכלל נישט רעכענען מיט די מסורות אבות, און נישט מיט די מסורה פון ווי מען שטאמט, ווייל אז מען מוז טון א זאך וועגן א צווייטן, איז דאס גורם די אלע שוועריגקייט.**

**זיי לייגן ארויף דעם שולד פון די נפשיות'דיגע פראבלעמען אויף די מסורה, און אויף די עלטערן, און זיי פרעדיגן אז די רפואה צו דעם איז, אז יעדער זאל בוחר זיין די מהלך החיים, לויט ווי זיין הארץ באגערט, און זיך אויסלאכן פון יעדן איינעם, אזוי וועט מען פטור ווערן פון יעדע פרעשער.**

מען דארף צו וויסן אז די המצאה איז נישט א נייע המצאה, די המצאה איז גאר א אלטע המצאה, דאס שטאמט נאך פון לבן הארמי, אזוי ווי דער בעלזא רב זי"ע האט געטייטשט דעם פסוק ארמי אובד אבי, אז לבן הארמי האט געזען אז ער קען נישט האבן א השפעה אויף זיינע אייניקלער, וויפיל ער פרובירט נאנט צו ווערן מיט זיי, שטייען זיי ווייט פון אים, זיי זענען מקיים דעם עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי אזוי ווי זיי האבן געזען ביי זייער טאטע יעקב, און דאס איז נאר דערפאר ווייל זיי רירן זיך נישט אוועק פון די מסורת פון זייערע עלטערן אברהם יצחק ויעקב, איז ער געקומען אויף די המצאה פון די טערעפיסטן, און ער האט זיי מסביר

געווען, אז צו גיין במסורת האבות דאס איז זייער שעדליך, דאס ברענגט פרעשער און ענקזייעטי, יעדער דארף זיך פירן אזוי ווי ער פארשטייט, און טון ככל אשר לבו חפץ, און מיט דעם האט ער געוואלט לעקור את הכל.

און דאס איז ממש די טענת הרשע, מה העבודה הזאת לכם, ער פרעגט וואס איז די פרעשער וואס איר האט אין די טעג פון פסח, יעדער איז אנגעצויגן יעדער איז מיט פרעשור, דאס איז נאר ווייל איר האט א מצוה פון "והגדת לבנך" איר דארפט אלעס טון וואס דער טאטע וויל, איר טארט נישט משנה זיין פון די מסורה, דאס ברענגט צו אייך נפשיות'דיגע פראבלעמען, פאר אזא איינעם זאגט מען הקהה את שיניו, כיון שהוציא את עצמו מן הכלל כפר בעיקר, ער איז עוקר די יסוד פון די תורה.

**די המצאה איז היפך דעת תורה, יעדער פארשטייט אז אויב איינער וויל עסן א טריפה'נע מאכל, אדער מחלל שבת זיין, וועט מען נישט זאגן אז ער מעג דאס טון ווייל דאס קען אים גורם זיין גייסטישע פרובלעמען.**

עס איז דא א תשובה אין חתם סופר, אז מען האט געוואלט אריין לייגן א קינד וואס האט א גייסטישע קרענק, און מען האט אים נישט ווי צו לייגן נאר אין א גוי'שע אנשטאטלט, האט דער חתם סופר געפסקנט, מוטב שיהיה שוטה כל ימיו, ולא יטמא את עצמו.

**דאס זעלבע איז אז עס קען נישט קומען קיין שום פסיכיאטער אדער טערעפיסט, און זאגן אז מען דארף נישט גיין מיט די מסורת האבות ווייל דאס ברענגט פרעשור, די תורה זאגט בפירוש אנדערש "שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך", אויך שטייט אין פסוק "אל תטוש תורת אמך", און מען קען נישט מבטל זיין וואס עס שטייט אין די תורה, אפילו ער איז א גרויסער טערעפיסט, און א שומר שבת.**

**איך וויל פרעגן די טערעפיסטן, וויאזוי לערנען זיי אפ די משניות פון פרקי אבות, יעדע משנה איז דאך קעגן זייער השקפה, יעדע איינציגע משנה ברענגט פרעשור אויפן מענטש, יעדע משנה לערנט אונז אז מען זאל נישט טון וואס די אייגענע רצון וויל, מען זאל נאר טון וואס די חכמים זאגן, אין משנה שטייט "בטל רצונך מפני רצונו", לויט זייער שיטה דארף מען גורם זיין "בטל רצונו מפני רצונך" רח"ל.**

**וויאזוי טייטשן זיי די משנה "מסורת סיג לתורה" לויט די טערעפיסטן דארף מען משנה זיין די גירסא און זאגן "מסורת סיג לחולה נפש".**

**די אלע וואס ווילן גיין אין דעם מהלך, דארפן וויסן אז די משנה זאגט, כל המקבל עליו עול תורה, מעבירים ממנו עול דרך ארץ, וכל הפורק ממנו עול תורה, נותנין לו עול מלכות ועול דרך ארץ.**

**ווער ווייסט וויפיל ענקזייעטי און פרעשור קען די מהלך ברענגען אויף זיך און אויף זיינע שפעטערדיגע דורות, און מען וועט שוין נישט קענען ארויסקריכן פון די בלאטע.**

**נאך זאגט די משנה "הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה, שנשיכתן נשיכת שועל, ועקיצתן עקיצת עקרב, ולחישתן לחישת שרף, וכל דבריהם כגחלי אש", די משנה זאגט אז דער וואס הערט זיך צו צו די טערעפיסטן, און ער טרעט אוועק פון די דברי חכמים שפילט זיך מיט פייער און דארף שטארק אכטונג געבן אז ער זאל זיך נישט אפרווען.**

עס ווערט דערציילט א מורא'דיגע מעשה אז עס איז געווען א בחור א בן יחיד וואס האט זיך דערקייקלט צו זייער א שלעכטע וועג, ער האט גע'גנב'ט און בארויבט און גע'הרג'ט מענטשן, ביז די פאליציי האבן אים געכאפט, און מען האט אים גע'אורטיילט צום הענגען רח"ל, פארן הענגען האט מען אים געפרעגט וואס איז דיין לעצטע וואונטש, האט ער געזאגט: איך וויל מיך געזעגענען פון מיין טאטע און מאמע פארן הענגען, פארשטייט זיך מען האט תיכף ערפילט זיין בקשה, און ווען ער איז שוין געשטאנען ביי די תליה מיט די שטריק אויף זיין האלדז, האט מען אהין געברעגט זיינע אומגליקליכע עלטערן, ווען זיי זענען געשטאנען נאנט צו אים, האט ער געשריגן מיט זיינע כוחות, טאטי און מאמי איך שטיי יעצט ביים שוועל פון מיין לעבן, איך האב ענק אהער גערופן אז איר זאלט זעהן מיט אייערע אויגן וויאזוי מען הענגט אייער איינציג קינד.

איר זאלט וויסן אז דאס וואס איך בין אנגעקומען צו אזא נידעריגע מצב, זענט איר שולדיג, געדענקטס ווען איך בין געווען א קליין קינד האב איך אמאל גע'גנב'עט א קאקי פון מיין חבר, און איך האב דאס אהיים געברענגט, אנשטאט איר זאלט מיר זאגן אז מען טאר דאס נישט טוהן, האט איר הנאה געהאט און געשמייכלט, דעם אנדערן טאג בין איך אריין אין א געשעפט און גע'גנב'ט ציקערלעך, און ווען איך האב דאס אהיים געברענגט, האט איר הנאה געהאט אז איך טויג, און אזוי בין איך געגאנגען ווייטער און ווייטער, און איך בין אנגעקומען צו אזא שרעקליכע מצב, וועגן דעם קומט זיך אייך אז איר זאלט זעהן ווי אזוי מען הענגט מיך, נאך זיין קורצע אדער פארווייטאגטע דרשה, האט מען אים געהאנגען לעיני אביו ואמו.

זעט אויס אז די עלטערן פון דעם בחור, זענען פאציענטן פון די היינטיגע טערעפיסטן, וואס זיי האלטן אז מען דארף לאזן די קינדער טון כל מה שלבם חפץ, ווייל מען טאר לייגן פרעשער אויף די קינדער.

ליידער ליידער זענען דא עלטערן וואס זיי זעהן ווי זייער קינדער זענען משנה זייער מסורה און זיי האלטן זיך צוריק פון זאגן, און זיי כאפן זיך נישט, אז די קינדער וועלן צום סוף באשולדיגן זייערע עלטערן, אז ווען מען וואלט זיי מעורר געווען, וואלטן זיי נישט אזוי ווייט פארקראכן.

עס ווערט דערציילט אז א איד האט חתונה געמאכט זיין טאכטער, די ערשטע שבת ביינאכט נאך די חתונה, האט דער שווער געזאגט פארן נייעם איידעם, אז ביי זיי איז דער מנהג, אז פרייטאג צונאכטס שניידט מען אויף א גראדע חלה, און שבת ביי די טאג סעודה עפענט מען א געפלאכטענע חלה.

דער נייער איידעם האט זיך צולאכט און זיך אנגערופן אויך מיר א מנהג, וואס איז א חילוק וואס פאר א חלה מ'עפנט, האט אים דער שווער געזאגט: אזוי איז דא דער מנהג, אבער דער איידעם האט ווייטער גע'טענה'ט ער זעט נישט קיין שום חילוק וואס פאר א חלה מ'עפנט.

דער איד איז געווארן זייער צובראכן דערפון, איז ער געגאנגען זיך אויסרעדן פאר זיין הייליגן רבי'ן דער ייטב לב זי"ע, דער ייטב איז געווארן אויפגעשוידערט פון די מעשה, און ער האט געזאגט פאר דעם איד, אז ער זאל זען אז זיין טאכטער זאל נעמען א גט פון איר מאן די ערשטע געלעגנהייט, ווייל אז א איינגערמאן קען אוועק מאכן א אנגענומענע מנהג, און

# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

פאריגע וואך האבן מיר אראפגעברענגט די דרשה וואס רבינו הק' זי"ע האט געהאלטן אום שמיני עצרת איבער קדושת ביהמ"ד, דעמאלסט האט פאסירט א שרעקליכע מעשה וואס איז כדאי צו אראפברענגען מ'זאל זעהן עד היכן הדברים מגיעין.

עס איז געווען דעמאלסט א אינגערמאן אין ביהמ"ד וואס מאיזה סיבה האט ער געמיינט אז מ'מיינט נישט אים, און ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן פון מיטיילן זיינע חכמות און וויצן פאר זיינע שכינים, און ליידער אינמיטן יו"ט האט ער באקומען שרעקליכע יסורים, און נאך יו"ט האט מען פעסט געשטעלט אז ער ליידט ל"ע אויף זייער א שווערע מחלה, און רביה"ק זי"ע האט מתפלל געווען פאר אים און אויך זיך געפארעט מיט די דאקטוירים ווי א אב הרחמן, און אויך פאררופן א יום תפילה צו אויסזאגן גאנץ תהילים.

נאך תהלים איז דער רבי ארויף אויפ'ן בימה און געהאלטן א דרשה, און דאן נאכגעזאגט די מאמר חז"ל ליצנות אחד דוחה מאה תוכחות, און געזאגט אז ליצנות מיינט נישט דוקא אז מ'לאכט אפ פון די מוסר מיט א הויך קול, נאר ווען איינער הערט מוסר און ער נעמט עס אן אין הארצן מיט א לייכטקייט, און ער נעמט זיך נישט פאר צו פארבעסערן דאס הייסט אויך ליצנות און ס'העלפט נישט קיין מוסר נאר נאכדעם וואס מ'שלאגט אים דעמאלסט פארשטייט ער.

האט דער הייליגער רבי געזאגט, כ'האב דאך אייך געזאגט צוויי מאל און דריי מאל און עטס האטס נישט מקבל געווען, דערפאר האט מען זיך געדארפט פירן פון הימל מיט מדת הדין, "לאמיר פון יעצט מקבל זיין צו זיין געווארנט אין מורא מקדש און זאל דאס זיין א זכות ממשיך צו זיין א רפואה שלימה".

איבעריג צו זאגן אז דער איד האט געהאט א רפואה שלימה, לאמיר זיך אויך מחזק זיין און זוכה זיין צו אלע ישועות און רפואות, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו, ומלכינו בראשינו, בב"א.

(ספר קדוש היכלך)

מאכט נאך ליצנות דערפון, אזא איינער וועט אינגאנצן גליטשן.

און כך הוי דער איד האט פארלאנגט א גט, און זיין טאכטער האט זיך ג'גט, און ליידער האט מען געזען ווי דער אינגערמען איז ארויס לתרבות רע, און ער האט זיך געשמד'ט.

דער הייליגער ייטב לב האט פארשטאנען אז אויב א איד מאכט אוועק א מנהג וואס איז אנגענומען, און ער פרעגט "מה העבודה הזאת לכם", ער זעט נישט אז דער מנהג האט א פשט אין זיינע אויגן, אזא איינער וועט זיי כופר בעיקר".

עלטערן דארפן מחשיב זיין יעדע מנהג אבותיו, און דאס איבער געבן פאר זיינע קינדער, ווייל דאס איז די שטערקסטע פאנצער קעגן אלע נסיונות, וואס ס'איז דא.

## א ווארעמע שטוב

"את לבבך ואת לבב זרעך". אין די ווערטער ליגט נאך א געוואלדיגע יסוד אין חינוך, אז עלטערן דארפן זען אז זיי זאלן זיין הארציג מיט די קינדער, און האבן מיט זיי א ווארעמע קשר, ווייל די ווארעמקייט פון די עלטערן געבן א חיזוק פאר די קינדער אז זיי זאלן קענען עומד זיין בנסיון, אזוי ווי שלמה המלך זאגט "שמן וחמין שסכתה אמי, הוא שעמדה לי".

עס ווערט געברענגט א שיינע מעשה וואס איז פארגעקומען ביים חיד"א זצ"ל, עס איז געווען א ניין יעריגער יתום'ל וואס זיין מאמע האט אים נישט געקענט שפייזן, פלעגט ער יעדן טאג ארויסגיין אין גאס זוכן ווי ער קען פארדינען עטליכע גראשן, כדי צו קענען קויפן עפעס צו עסן.

איינמאל האט ער אנגעטראפן א עושר, און ער האט אים געפרעגט צי ער האט עפעס ארבעט פאר אים, דער עושר האט אים געזאגט, איך קען דיך באזארגן מיט עשירות אויף דיין גאנץ לעבן, אבער מיט איין תנאי, זעסט דא די גרויסע טייך, עס איז יעצט א קאלטע ווינטער, און די וואסער איז שטארק קאלט, אויב דו ווסעט אריין גיין אין דעם טייך און דו ווסעט דארט בלייבן די גאנצע נאכט, וועל איך דיר שענקען עשירות אויף דיין גאנץ לעבן.

דאס קינד האט מסכים געווען צו דעם געשעפט, אבער זיין מאמע האט אים אפגערעדט דערפון, און ז' האט אים געזאגט אז ער שטעלט איין זיין לעבן, ער וועט דאס נישט קענען איבערלעבן, האט דער יתום'ל געזאגט פאר זיין מאמע, וואס קען געשען אויב איך וועל שפירן אז איך האלט עס נישט אויס, וועל איך דעמאלסט ארויסלויפן פונעם טייך.

דער יתום איז אריין אינעם אייז קאלטן טייך, און ער האט געמיינט אז ער האלט עס נישט אויס, אבער ער האט מחליט געווען אז ער גייט פרובירן.

זיין מאמע האט זייער רחמנות געהאט אויף איר קינד, האט געטראכט וואס קען איך טון אום גרינגער צו מאכן, האט ז' זיך אוועק געשטעלט נעבן טייך און ז' האט געמאכט א פייער פון שטיקלעך האלץ, און ז' איז געשטאנען און געקוקט די גאנצע נאכט אויף איר קינד צי ער פאלט נישט אוועק.

ווען עס איז דורך א שטיקל צייט האט דער יתום געשפירט אז ער האלט עס נישט אויס, ער האט געמיינט אז ער פאלט אוועק, אבער ער האט זיך געשטארקט מיט אלע זיינע כוחות, און ער איז געבליבן נאך א שטיקל צייט, אזוי איז געווען עטליכע מאל, ער האט געמיינט אז ער פאלט אוועק, און ער האט זיך געשטארקט, ביז אייגענטליך איז געווארן טאג, און ער איז

ארויס פון טייך בלוי און רויט.

ווען ער איז געגאנגען אפנעמען דאס געלט, האט אים דער עושר געזאגט, איך גיב דיר נישט אפילו איין גראצער, דו האסט נישט געהאלטן ווארט, איך האב דיר געזאגט אז אויב דו וועסט זיין די גאנצע נאכט אין די קאלטע טייך, וועל איך דיר באלוינען מיט עשירות, און אזוי ווי דיין מאמע האט אנגעצינדן א פייער לעבן טייך איז די וואסער ווארים געווארן, ממילא קום איך דיר גארנישט.

דער יתום איז געגאנגען צום הייליגן חיד"א און אים דערציילט די גאנצע מעשה, און ער האט געזאגט אז ער רופט דעם עושר צו דין תורה, דער חיד"א האט געזאגט פארן יתום אז ער וויל רעדן מיטן עושר אליין, דער חיד"א האט געלאזט רופן דעם עושר און גערעדט מיט אים פארשידענס, אינמיטן רעדן פרעגט דער חיד"א פונעם עושר צי ער וויל א גלעזל טיי, זייער גערן האט דער עושר געזאגט, דער חיד"א האט געבעטן פונעם משמש אז ער זאל אנהייצן דעם אויוון מיט האלץ, און לייגן א טשייניק וואסער אינדרויסן פונעם אויוון, עס איז דורך א שטיקל צייט, האט דער חיד"א געבעטן דעם משמש זאל אנגיסן א גלעזל פון די וואסער אין מאכן א טיי פארן עושר.

דער עושר האט זיך געוואונדערט, דאס איז דאך א קאלטע טיי, די וואסער איז בכלל נישט געלעגן אויפן פייער, כדי די וואסער זאל הייס ווערן דארף מען לייגן די האלץ אונטערן טשייניק, און נישט אפגערוקט פונעם טשייניק.

האט אים דער חיד"א געזאגט, זאלן דיינע אויערן הערן וואס דו האסט יעצט געזאגט, אז וואסער קען נישט ווארים ווערן ווען די פייער איז נישט אונטער די וואסער, אויב אזוי האסטו אליין אפ'געפסק'נט דיין הלכה, אז די פייער וואס די מאמע האט געמאכט נעבן טייך, האט נישט געקענט אנווארעמען די קאלטע טייך, ממילא דארפסטו מקיים וואס דו האסט צוגעזאגט פארן יתום, און אים געבן עשירות לכל ימי חייו.

ווען מען האט געפרעגט דעם יתום, וויאזוי האסטו טאקע געקענט דורך לעבן די קאלטע וואסער, האט דער יתום געענטפערט, גלייבסט מיר אז די פייער וואס די מאמע האט אנגעצינדן האט בכלל נישט ווארעם געמאכט די וואסער, נאר ווען איך האב געשפירט אז איך בין ביים שוועל פון טויט, און איך פאל אוועק, האב איך געוואלט ארויסלויפן עוד נשמתי בי, אבער ווען איך האב געזען מיין מאמע שטייט ביים בארטן פון טייך און צינדט אן א פייער מיר אנצוווארעמען, און זי האט נישט אראפגענומען איר אויג פון מיר, האט זיך אנגעצינדן אין מיין הארץ א פלאם פייער, און די פייער האט מיר געגעבן די כח ווייטער צו בלייבן אין טייך, און אזוי איז געווען יעדעס מאל ווען איך האב געשפירט אז מיין לעבן ענדיגט זיך, די ווארימע הארץ פון מיין מאמע האט מיר אנגעווארעמט, און דאס האט מיר געגעבן די חיות.

מיר לעבן היינט אין א פארפרוירענע וועלט, יעדער שפירט אז ער ווערט פארפרוירן פון די שרעקליכע נסיונות, מען שפירט אז מען פאלט אוועק, עס איז נישטא קיין וועג וויאזוי מען קען אנווארעמען די קעלט, נאר איין עצה איז דא, אז טאטע מאמע זאלן אנצינדן א פייער ביי זיך אינדערהיים, וואס כאטש די פייער וועט נישט שוואכער מאכן די קעלט, אבער די הארץ פון קינד וועט ווערן אנגעווארעמט, און האבן די כוחות בייצושטיין די פארפרוירענע נסיונות.

א קינד וואס וואקסט אויף אין א ווארעמע שטוב, מען איז מחנך דאס קינד צו יראת שמים, און צו אהבת חסד, און מען נעמט נישט אראפ די אויגן פונעם קינד, אזא קינד ווען ער פילט אז ער ווערט פארפרוירן קען ער זיך אנווארעמען זיין הארץ מיט די ווארעמע חינוך וואס ער האט באקומען, און קען עומד בנסיון זיין, דאס איז מרומז אין דעם פסוק "את לבבך ואת לבב זרעך", זאלסט זיין הארציג צו דיינע קינער.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות פון מחנך זיין די קינדער מיט די ריכטיגע חינוך וועלן מיר זוכה זיין צו דורות ישרים ומבורכים, ולא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך מעתה ועד עולם, און מיר וועלן בקרוב זוכה זיין בנערינו ובזקנינו קעגן צו גיין קעגן משיח צדקינו, מיט כ"ק רבינו שליט"א בראשינו, בב"א.






מאמר חדש בענין:

# הדלקת נר חנוכה בזמנינו בפנים או בחוץ

## הדלקת נר חנוכה בזמנינו בפנים או בחוץ

עם התקרב ימי החנוכה, קמה וגם ניצבה תמיהה גדולה ועתיקת יומין, בדבר מנהגם של החסידים בארץ ישראל, ושל כמעט כל בני ארצות הברית ואירופה, אשר מדליקים את נר החנוכה בתוך הבית, ואינם מקיימים את הדין הפשוט והמוסכם בדברי הגמרא, שצריכים להדליק על פתח ביתו מבחוץ על יד רשות הרבים לפרסם את הנס, על כן יש לנו לברר את הדברים ולראות מה מקור המנהג בזה, ולהצדיק את דרכי הצדיקים.

### דברי הגמרא מעיקר הדין

מצאנו בדברי הגמרא (שבת כא:): "תנו רבנן נר חנוכה מצוה להניחה על פתח ביתו מבחוץ אם היה דר בעלייה מניחה בחלון הסמוכה לרשות הרבים ובשעת הסכנה מניחה על שלחנו ודיו", הרי לנו כי כל שלא מדובר בשעת הסכנה, חיוב הוא להניח את נרות החנוכה על פתח ביתו מבחוץ.

אכן בד בבד יש להדגיש, כי אין תמיהה זו רק על הדור האחרון, על מנהג החסידים בארץ ישראל ומנהג כל בני חוץ לארץ, שכן הדבר פשוט וברור ואף מוסכם, כי משך מאות שנים, החל מסוף תקופת הגאונים כבר היו רוב מנין ובנין של בני ישראל מדליקים את נרות חנוכה בתוך הבית, ואדרבה מחדשי המנהג להדליק בפתח החצירות היו תלמידי הגר"א עם עלותם לארץ ישראל, אשר אף הם עצמם טרם עלייתם לארץ ישראל היו מדליקים בתוך הבית, ורק אחר עלייתם לארץ ישראל החלו להדליק על פתח החצר.

עד כדי ביקשו לחדש את הדבר ולהעמידו עיקר, שצריכים להדליק על פתח החצר כעיקר הדין המבואר בגמרא, עד כי היו מגדולי הדורות שלאחר מכן, שסברו כי יתכן והמדליק בזמן שאין הסכנה נוהג בתוך ביתו, אינו יוצא ידי חובתו, וכן מקובל בשם הגרי"ז מבריסק זצ"ל (קונטרס חנוכה להגרח"א טורצין ז"ל סי' ג' אות ג'), וכן מסרו על עוד אחדים מגדולי ליטא שהורו כן, אך עדיין טעמא מיהא בעי, כי משך כל הדורות נהגו להדליק בתוך הבית.

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

### ההוכחות מדברי הראשונים על מנהגם להדליק בפנים

אמנם, כמו שהזכרנו מנהג זה לא התחדש על ידי החסידים, ואף לא על ידי תושבי חוץ לארץ, אלא מנהג פשוט היה כן בכל תקופת הראשונים, ושמא אף קודם לכן מעט, כמו שנוכיח בזה בסייעתא דשמיא מתוך דבריהם החיים והקיימים.

איתא בגמרא (שבת כא:): "מצותה משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק, מאי לאו דאי כבתה הדר מדליק לה, לא, דאי לא אדליק מדליק", וכתבו התוספות (בד"ה דאי לא): "ולר"י נראה, דעתה אין לחוש מתי ידליק, דאנו אין לנו היכרא אלא לבני הבית, שהרי מדליקין מבפנים", הרי לנו שכתבו התוספות כדבר פשוט שהיה מנהגם להדליק בפנים.

כדברי התוספות כתבו גם שאר הראשונים, הרשב"א (בד"ה ופירשו): "אבל עכשיו שמדליקים בבית מבפנים", הריטב"א (בד"ה דאי לא): "אבל אנן דמדליקינן בפנים", וכפל דבריו בשנית (בד"ה ודחינן לומר): "אבל עכשו שאנו מניחים אותה בפנים... אבל כשהניחו בפנים כמנהגינו", הר"ן (בד"ה לא): "אבל עכשיו שמדליקין בבית בפנים", תוספות הרא"ש (בד"ה דאי לא): "דלדידן שאנו מדליקין מבפנים", מרדכי (רמז רס"ה): "אבל אנו שמדליקין בפנים", כך שהדבר נראה פשוט וברור כמנהגם בכל המקומות בימיהם.

והנה אף שרוב מן הראשונים הנזכרים התגוררו בצרפת ובגרמניה, שם ניתן להניח כי ברוב השנים היה דין שעת הסכנה, לנוכח התגברות רדיפותיהם של הנוצרים במסעות הצלב, מכל מקום הרי הרשב"א היה בספרד, ועם כל זה הזכיר גם כן את מנהג זמנו להדליק מבפנים, ושנה הדברים בתשובה (ח"א סי' תקמ"א): "שהכל יודעין שאין מדליקין בחוץ אלא בפנים", על כן נראה כי הדבר לא היה רק במקומות ובזמנים בהם היה בפועל שעת הסכנה.

כך הביא גם הרמ"א (סי' תרע"א ס"ח): "מיהו בזמן הזה שכולם מדליקין בפנים ממש", הרי שעד לזמן הרמ"א עדיין נותר המנהג על כנו להדליק בפנים, אף שלא בכל המקומות היה בהם דין שעת הסכנה. גם הערוך השולחן (סי' תרע"א סעיף כ"ד) מביא: "והנה עתה אין אנו מדליקין בחוץ ואף שאין סכנה אצלינו", מכך למדים אנו כי כן נהגו אף בזמנו בליטא, שהיו מדליקים בפנים.

### הנהגת המנהג אף בזמן כינוס היהודים בגיטאות ללא חשש סכנה מצד הגויים

לא זו בלבד, שהרי בתקופת הרמ"א כבר נעשו במקומות רבים בארצות אירופה גיטאות עבור היהודים, אשר היו מקומות שהיו נעולים כל הלילה בלא שיוכלו להיכנס אל תוך המקום כאלו שאינם מבני ברית, כך שאם היה הדבר משום שעת הסכנה, הרי שבמקומות אלו כלל לא היה אפשרי שיוכל לבוא אחד מאומות העולם בשעות הלילה, ולא מצאנו ולא שמענו שנהגו במקומות אלו להדליק בחוץ.

### התחדשות המנהג על ידי תלמידי הגר"א בירושלים כאשר היה בה שעת הסכנה

על כולנה צריכים להוסיף, כי כנזכר תלמידי הגר"א הם שחידשו את הדבר אחר עלייתם לארץ ישראל, והנה לא זו בלבד שבהיותם בחוצה לארץ לא היתה שעת הסכנה באופן מיוחד, ועם כל זה לא הדליקו בפתח החצירות, הרי שבהיותם בארץ ישראל והתגוררו בירושלים, אשר בימים ההם היו מתגוררים יחד עם הערביים, וכמעט פשוט הדבר שמצד שעת הסכנה היה מקום לחוש יותר בירושלים שבימיהם מאשר במקומות מגוריהם בליטא, ועם כל זה החליטו להחמיר דווקא עם עלייתם לארץ ישראל להדליק מבחוץ, אף שהדעת הנוטה כי בחוץ לארץ היה עליהם להחמיר יותר.

כך שכפשוטו, אף שינוי הדבר על ידי תלמידי הגר"א לא נעשה משום שלדעתם כיום שאין נכון להגדיר הזמן כשעת הסכנה צריכים להדליק בחוץ, כי הרי מציאות הדברים הפוכה היתה, שיתכן כי בירושלים היה יותר שער הסכנה מאשר בחוץ לארץ, ולכן בהכרח שאף לדעתם גם כשאין שעת הסכנה ברורה, מכל מקום יש מקום להדליק בפנים, אלא מטעם אחר הדליקו

המשך בשבוע הבא אי"ה

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **ברוך ארי' פייגעל** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## לך לך מארצך

עס שטייט אין פסוק ואברם בן חמש שנים ושבעים שנה בצאתו מחרן, זאגט דער הייליגע בת עין זי"ע, אז עס איז זיכער געווען גאר שווער פאר אברהם אבינו צו איבערלאזן זיין לאנד און זיין טאטע'ס הויז און גיין וואנדערן צו א לאנד וואס ער קען קיינעם נישט דארט, נאכדערצו אז די אייבערשטער האט אים נאך אפילו נישט געזאגט ווי ער דארף גיין, ווי אזוי האט אברהם געקענט אזוי אלעס איבערלאזן? נאר וואס דען ער האט זיך אינגאנצן פארלאזט אויפ'ן אייבערשטן אז אלעס איז זיכער נאר לטובה, און דער אייבערשטער וועט אים זיכער פירן צו א גוטע פלאץ.

פירט דער בת עין אויס אז וועגן דעם שטייט אין פסוק ואברם בן חמש ושבעים שנה בצאתו מחרן, אז ער איז געווען פינף און זיבעציג יאר, פינף און זיבעציג, איז גימטריא בטחון, דאס קומט צו זאגן אז אברהם אבינו האט געהאט אסאך בטחון בצאתו מחרן.

*

עס ווערט געברענגט אין מדרש אז עס שטייט אין פסוק צוויי מאל "לך לך", איינמאל "לך לך מארצך" און די צווייטע מאל "ולך לך אל ארץ המורי'" און לוי האט געזאגט אז ער ווייסט נישט וועלכער לך לך איז חשוב'ער ביים אייבערשטן.

פרעגן די מפרשים, וויאזוי קען אפילו זיין א הוה אמינא, אז גיין גלות צו א צווייטער לאנד זאל זיין א גרעסערע נסיון ווי די עקידה, וואס דאס איז שחט'ן אן אייגענער זון וואס מען האט אויף אים אויסגעווארט יארן לאנג, ענטפערן די מפרשים אז דער עיקר שווערקייט ביי א מענטש איז אנצוהייבן, ווען א מענטש וויל נתעלה ווערן, איז דאס אסאך שווערער פון ווי צו גיין העכער איינמאל ער האט שוין אנגעהויבן, איז דא ביי אברהם אבינו ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט לך לך מארצך, האט ער געדארפט אלעס איבערלאזן און אנהייבן פון פריש, אוועק גיין פון אלע נסיונות פון צו זיין נעבן זיין טאטע מיט אלע אנדערע מענטשן דארט, און ער האט יעצט געדארפט ארויף גיין קיין ארץ ישראל און אנהייבן א העכערע לעבן, דאס איז זייער א שווערע זאך, אבער איינמאל ער איז שוין געווען אויף גאר א הויכע מדרגה, יעצט ווען דער באשעפער הייסט אים שחט'ן זיין זון, איז דאס שוין נישט אזוי שווער ווייל ער איז שוין געווען אסאך מער אויסגעארבעט ביי זיך, וועגן דעם איז דא אן הוה אמינא אין מדרש וועלכער איז א שווערערע נסיון.

*

עס שטייט אין פסוק ולא יקרא עוד את שמך אברם, והיה שמך אברהם וגו' זאגט די גמרא אז אויב מען רופט אברהם מיט'ן נאמען אברם איז מען עובר אויף אן עשה אין די תורה.

דער של"ה הקדוש שרייבט אז יעדע פעולה וואס א מענטש וויל טון, זאל ער זאגן "אם ירצה השם", און די סימן פאר דעם איז די פסוק "עצת ה' הי"א תקום" הי"א ראשי תיבות "אם ירצה השם" דעמאלס איז "תקום", זאגן די ספרים הקדושים אז אבר"ם איז ראשי תיבות ר'בות מ'חשבות ב'לב א'יש, האט דער אייבערשטער צוגעלייגט אן ה"א צו זיין נאמען וואס דאס זאל מרמז זיין אויף עצת ה' "היא" תקום, אז א מענטש דארף האבן אמונה, און גלייבן אז מען קען גארנישט אליינס טון, און וועגן דעם טאר מען אים מער נישט רופן אברם נאר אברהם.

*

עס שטייט אין זוה"ק (זוה"ח מגילת רות) אז העפאר א מענטש ווערט געבוירן, ווייזט מען אים ארום וואס עס געשעט אלץ מיט'ן מענטש נאכ'ן שטארבן, אויב ער איז געווען ערליך, און אויב ער איז נישט געווען ערליך, און מען זאגט אים נאכדעם "לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך", דאס מיינט מען שיקט אים אראפ פון אויבן, "אל הארץ אשר אראך" צו די וועלט, און מען וואונטשט אים אהן מיט די זיבן ברכות "ואעשך לגוי גדול, ואברכך, ואגדלה שמך, והיה ברכה, ואברכה מברכך, ומקללך אאור, ונברכו בך כל משפחות האדמה".






# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' **שמואל אליעזר גרינבלאט** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת תגלחת נכדו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## הרה"ק בעל מאור עינים זי"ע

**דעם קומענדיגן זונטאג וירא, י"א מרחשון געפאלט אויס די יומדל"ק פונעם הייליגן מאור עינים, רבי מנחם נחום בן רבי צבי מטשערנאביל זי"ע.**

## ואלה מתולדותיו

דער הייליגער מאור עינים זי"ע איז געבוירן אין יאר ת"ק צו זיין פאטער רבי צבי, וועלכער מען פלעגט רופן "רבי אדם בעל שם".

דער מאור עינים איז געווען פון די געהויבענע תלמידים ובני חבורה פונעם הייליגן בעל שם טוב הק', וועלכע איז געווארן נאנט צום דרך החסידות זייענדיג א אינגערמאן. נאכ'ן פטירה פונעם הייליגן בעל שם טוב הק' איז ער געבליבן לערנען ביים הייליגן מעזריטשער מגיד זי"ע, און זיך געצײלט פון די חשוב'ע עלטערע תלמידים.

דער מאור עינים איז אויף די הוראה פון זיין רבי'ן, דער מעזריטשער מגיד, ארומגעפארן צווישן די שטעטלעך און דערפלעך צו מקרב זיין און לערנען תורה מיט די אידן וועלכע האבן געוואוינט דארט, און נישט קיין סאך געוואוסט פון אידישקייט, און דער מאור עינים האט צוריקגעפירט זייער הארץ לאבינו שבשמים.

צום ערשט האט דער מאור עינים אנגעהויבן פירן זיין עדה הקדושה אינעם שטאט 'פראהביטש', און דאן האט ער זיך באזעצט אין שטאט 'טשערנאביל'.

רביה"ק זי"ע דערציילט אז ווען דער מאור עינים האט געוואוינט אין שטאט פראהביטש האט ער איין ליל שישי געהערט א כרוז אין הימל אז רבי שלום שכנא דארף דינען ברבנות אין דעם שטאט, און דאן האט דער מאור עינים פארלאזט דעם שטאט נאך איידער שבת, און זיך געצויגן קיין טשערנאביל. דארט אין שטאט טשערנאביל האט מען אים אויך אויפגענומען אלס מגיד מישרים, און מיט זיינע שטענדיגע דרשות פלעגט ער מדריך זיין די שטאטסלייט וויאזוי זיך צו פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג. אין א קורצע צייט איז דער שטאט טשערנאביל פארוואנדלט געווארן אלס צענטראלע ארט פאר טויזענטער חסידים וואס פלעגן ווילן בצל קדשו.

דער הייליגער מאור עינים איז נסתלק געווארן י"א מרחשון תקנ"ח, און איז געקומען לקבורה אין שטאט טשערנאביל, זי"ע.

## דער כרוז אין הימל "טוב ומטיב לרעים ולטובים"

דער הייליגער מאור עינים איז געווען גאר שטארק בידידות מיט'ן הייליגן רבי ברוכ'ל מעזיבוזער זי"ע, אמאל האט רבי ברוכ'ל געזאגט פאר'ן מאור עינים: "די וועלט זאגט אויף אייך אז איר זענט דער ווייכער, און אויף אונז אז מיר זענען דער שטרענגער". רביה"ק זי"ע (עבו"ע שיח"ק ח"ב) איז מסביר די ווערטער, אז דער מאור עינים איז שטענדיג געווען מפורסם מיט זיין מידת החסד, און זיין ווייך הארץ, און האט זיך מוסר נפש געווען פאר יעדן וואס האט נאר דורכגעטרעטן די שוועל פון זיין טיר, און האט פארטיילט צדקה פאר אלעמען צוגלייך, און נישט נאכגעפארשט צי ער איז אן אמת'ער נצרך. דערפאר האט אים רבי ברוכ'ל אנגערופן "דער ווייכער".

> גודל קדושת ספה"ק מאור עינים במשנתו של רבינו מהרי"א מקאמארנא זי"ע:
>
> והספר מאור עינים לא יזוז מעיניך וכל דבריו רמים וקדושים. (נתיב מצותיך)

*

אמאל איז געקומען צום הייליגן מאור עינים א איד וואס האט זיך אויסגערעדט איבער זיין ביטערע מצב אז ער איז געענגט אין פרנסה, און ער שטייט אצינד פאר'ן חתונה מאכן איינע פון זיינע קינדער, ואין בידו לפורטה אפילו שוה פרוטה. ווען דער מאור עינים האט געהערט וואס דער איד זאגט, האט ער ארויסגענומען פופציג רובל, וואס איז יענע צייט געווען א הון רב, און עס איבערגעגבן פאר'ן איד.

ווען די שטוב מענטשן האבן געזעהן ווי דער מאור עינים גיבט אוועק אזא גרויסע סכום, זענען זיי אים נאכגעגאנגען צו זעהן וואס ער טוט מיט די געלט וואס ער האט נארוואס ענטהאלטן פונעם מאור עינים, נאכגייענדיג האט מען אים געזעהן אריינגיין אין א קרעטשמע, און קויפט זיך אן מיט משקה, און האט זיך אנגעג'שיכור'ט, און האט ארומגעהוליעט מיט די געלט וואס דער מאור עינים האט אים געגעבן. פאר די שטוב מענטשן פונעם מאור עינים האט דאס זייער פארדראסן, היתכן, מען רעדט אין דעם רבי'ן אז מען דארף דאס געלט צו חתונה מאכן און צום סוף נוצט מען די געלט צו שיכור'ן?! האבן די שטוב מענטשן מחליט געווען אז זיי וועלן אפווארטן דעם איד, און ארויס צווינגען פון אים די איבריגע געלט און עס צוריקברענגען פאר'ן מאור עינים, אזוי האבן זיי טאקע געטון, די שטוב מענטשן האבן אים צוגענומען די איבריגע פינף און פערציג רובל מיט וואס ער איז איבערגעבליבן, און האבן דאס דערלאנגט פאר'ן מאור עינים, זאגנדיג אז מען האט אפגעראטעוועט די געלט פונעם פאפער וואס איז געקומען צום רבי'ן זאגן אז ער דארף געלט צו חתונה מאכן, און אין דער ווארהייט האט ער עס גענוצט צו שיכור'ן אין קרעטשמע.

ווען דער מאור עינים האט דאס געהערט איז ער געווארן פארוואונדערט פרעגנדיג פון זיינע שטוב מענטשן: "פארוואס האט עטס דאס געטון? איר ווייסט אז יעדן טאג רופט מען אויס אין הימל אז דער רבי פון טשערנאביל איז טוב ומטיב לרעים ולטובים, ווילט איר דען מבטל זיין דעם כרוז פון מיר?" דאן האט דער מאור עינים באפוילן אז מען זאל נאכיאגן דעם איד, און אים צוריקגעבן די געלט וואס מען האט אים צוגענומען.

*

## אפילו אויף א קליינע זאך בעהט איך אויך נאר דעם באשעפער

די תלמידים פון הרה"ק ר' מנחם נחום פון טשערנאביל זי"ע, האבן איינמאל ביי מעריב געזעהן ווי דער רבי האט שוין געענדיגט די שמונה עשרה אבער ער זאגט נאך עפעס, פון גרויס נייגעריגקייט האבן זיי זיך צוגעבויגן און געהערט ווי ער זאגט עטליכע מאהל נאכאנאנד: "רבונו של עולם, איך בעהט דיך אז די ארויסגייערן פון מיין שטוב זאל זיך צוריקקערן!"

די תלמידים האבן נישט פארשטאנען דעם פשט פון די תפילה, איז איינער פון די גרויסע תלמידים צוגעגאנגען צום רבי'ן און מיט גרויס דרך ארץ געפרעגט וואס ער מיינט דערמיט, האט דער רבי געענטפערט: "די משרתת איז אוועק פון מיין שטוב, זי וויל נישט צוריק קומען, בעהט איך דער אויבערשטער אז ער זאל אין איהר אריין לייגן א גוט הארץ זי זאל וועלן צוריק קומען, ארויס צוהעלפן די רעביצין מיט די שטוב ארבעט".

ווי די תלמידים האבען דאס דערהערט האבן זיי פארוואונדערט געפרעגט: "רבי, וועגן אזא קליינגקייט דארף מען דען בעטן דעם אויבערשטן?" האט ער געענטפערט "סיי א קליינע זאך און סיי א גרויסע זאך איז נאר פון אויבערשטן, האב איך דען אן אנדערן וועמען צו בעטן?"

*

## די מנחה האט אויפגעציטערט די הימלען

איינמאל האט דער בעש"ט הק' געפרעגט פון מאור עינים פארוואס האבן די הימלען געציטערט ווען איר האט געדאווענט מנחה?

האט דער מאור עינים געענטפערט: איינמאל בין איך געפארן מיט א גוי'אישן בעל עגלה, אינמיטן ווינטער, און אינמיטן וועג איז דער גוי פארפרוירן געווארן פון די שטארקע קעלט, און האט געפגר'ט, האב איך גענומען אליין די לייצעס און ווייטער געפארן ביז איך בין אנגעקומען צו א גוי'אישן דארף.

ווען די גוים האבן געזען ווי אין וואגן ליגט א קערפער פון א טויטן גוי, האבן זיי מיר חושד געווען אז איך האב אים גע'הרג'ט, און זיי האבן מיך פאר'משפט צום טויט ר"ל, האב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן צום הימל און מתפלל געווען, און איך האב זיך געבעטן ביי זיי, אז זיי זאלן מיר געבן רשות צו דאווענען מנחה, האבן זיי מסכים געווען, האב איך געדאווענט מנחה פון טיפעניש פון הארץ, און צום וואונדער איז דער גוי'אישער בעל עגלה אויפגעשטאנען לעבעדיג, און אנגעהויבן צו רעדן און געזאגט: איך בין פארפרוירן געווארן פון די קעלט, און דערפאר בין איך געשטארבן און נישט דער איד האט מיר גע'הרג'ט! און אזוי ווי ער האט געענדיגט רעדן איז ער אראפגעפאלן א טויטער, די גוים זענען זייער דערשראקן געווארן פון די מעשה און זיי האבן מיר באלד באפרייט, און "די" דאזיגע מנחה איז געווען וואס האט אויפגעציטערט אלע הימלען.

***

## ספרו הקדוש מאור עינים

דער הייליגער מאור עינים האט איבערגעלאזט זיין הייליגער ספר "מאור עינים", וואס איז געדרוקט געווארן דורך זיין תלמיד רבי אליהו מיורעוויטש זי"ע, דער ספר איז אנגענומען געווארן בכל תפוצות ישראל אלס א הייליגע יסודות'דיגע ספר בתורת החסידות.

רביה"ק זי"ע דערציילט אז ווען מ'האט געברענגט די ספר מאור עינים צום הייליגן מאור עינים בעפארן ארויסגעבן לאור עולם, איז דער ספר געווען צען מאל גרעסער פון די ספר מאור עינים וואס מיר פארמאגן היינט צוטאגס, אבער דער מאור עינים האט נישט געלאזט אלעס דרוקן, נאר די תורות וועלכע ער האט נישט געדענקט אז ער האט געזאגט, וויבאלד די אלע תורות האט ער געזאגט זייענדיג אין א העכערע מדריגה, אבער די אלע תורות וועלכע דער מאור עינים האט זעלבסט געדענקט אז ער האט עס געזאגט, האט ער נישט געלאזט דרוקן.

דער מאור עינים ברענגט בערך 30 מאל דברי תורה וואס ער האט געהערט פון בעל שם טוב הקדוש זי"ע אליין, אדער נאכזאגן בשמו הקדוש. אויך ברענגט ער אסאך מפי מורי, וואס דאס מיינט דער הייליגער מגיד הגדול ממעזריטש זי"ע.

דער הייליגער קאמארנע'ר זי"ע שרייבט אין זיין הייליגע ספר נתיב מצותיך, און ווי אויך אין היכל הברכה פ' דברים אז דער ספר מאור עינים זאל זיך נישט אפטון פון דיין אויגן, און אלע ווערטער זענען הייליגע הויכע זאכן.

ווען רביה"ק זי"ע ער צו פארן אויפן וועג פלעגט ער שטענדיג מיטנעמען דעם ספר הקדוש מאור עינים (הליכות הלוי).

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"א חשון | הרה"ק רבי מנחם נחום בן רבי צבי הירש זי"ע - מאור עינים | תקנ"ה |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| י' חשון | הרב החסיד ר' יוסף בן ר' שמואל דוד ע"ה סאקס | תשע"א | ביה"ח בקרית יואל |
| י' חשון | הרב החסיד ר' יואל בן ר' משה אורי ע"ה בלויא | תשפ"ה | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ב חשון | הרב החסיד ר' ישעי' בן ר' יקותיאל יודא ע"ה פאוועל<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשע"ה | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"ב חשון | הרב החסיד ר' אברהם צבי בן ר' חנוך שלום הלוי ע"ה גליק | תשפ"ג | ביה"ח וויזניץ מאנסי |

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

ס'איז בעסער נישט צו לייגן תפילין ווען מ'ווייסט אז אינמיטן וועט מען אנהייבן קדיש אדער קדושה [1].

ס'איז א דרך כבוד אז מ'זאל אראפלייגן די תפילין בייטל אויפן טיש פארן ארויסנעמען די תפילין דערפון [2], און נישט ארויסנעמען ווען מ'האלט עס אין איין האנט. און אזוי אויך נישט לייגן אויף א שטענדער וואס איז געווענליך שיעף און ס'קען אראפפאלן. און נישט אראפלייגן איבערגעדרייטערהייט.

אויב איז נישט דא קיין פלאץ אויף א טיש צו לייגן תפילין, און מען וויל עס לייגן אויף א באנק, דארף מען זיכער מאכן אז א מענטש זיצט נישט אויפן זעלבן באנק [3].

מנהג ביי חסידים צו לייגן די תפילין פאר ברכות השחר [4], (ס'דא וואס פירן זיך צו לייגן די תפילין נאך ברכות השחר [5]. ס'דא וואס פירן זיך צו זאגן גאנץ קרבנות ביז נאך ברייתא דרבי ישמעאל [6], און דערנאך לייגט מען תפילין [7], ונהרא נהרא ופשטיה).

### לייגן די תפילין של יד

קודם לייגט מען דעם של יד און דערנאך דעם של ראש [8]. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וקשרתם לאות על ידך, והיו לטוטפות בין עיניך', קודם שטייט דאס לייגן אויף די הענט, און דערנאך שטייט וועגן לייגן אויפן קאפ [9].

מ'פירט זיך צו לייגן סיי די תפילין של יד און די סיי של ראש שטייענדיג [10].

מ'נעמט ארויס די לינקע הענט פון די רעקל, (אנדערע הייבן ארויף די ערמל, ס'דא וואס האבן א זיפער און עפענען ביזן מקום הנחת תפילין) [11]. דער עיקר דארף מען זיכער מאכן אז די ערמל איז גענוג הויך ארויפגערוקט אז די תפילין זאל קענען ליגן אויפן ריכטיגן פלאץ.

מ'נעמט עס ארויס די תפילין מיט די רעכטע הענט [12], מ'זאל עס נישט ארויסשאקלען, ס'איז א בזיון [13].

מ'נעמט קודם ארויס דעם של יד. וואס ליגט געווענליך אויף די לינקע זייט פון די בייטל [14]. (מ'זאל אכטונג נישט ארויסצונעמען דעם של ראש בטעות, כדי ס'זאל נישט אריינגיין אין די שאלה פון 'אין מעבירין על המצוות', אז ווען ס'ליגט פארן מענטש צוויי מצוות, דארף ער טון דאס וואס איז נענטער צו די האנט, כדי נישט צו פארשעמען די נענטערע, ווען ער גייט צו די ווייטערע) [15].

אויב האט מען בטעות ארויסגענומען די של ראש זאל מען עס צוריקלייגן אין די שיידל, און אין תפילין בייטל, און מ'זאל לייגן די של יד.

מ'זאל נישט ארויסנעמעןביידע תפילין פון די בייטל, נאר גיין אין א סדר אז ווען מ'נעמט ארויס די של יד בלייבט די של ראש אין בייטל [16].

---

1 כיון שכתב בשלחן הטהור (סי' קד ס"ד) שיש בזה שומע כעונה ממש ולכן לא ימתין בשתיקה, ועי' להלן שהבאנו דעת המ"ב לא נחשב הפסקה, ולכן הגם שלהלכה ימתין בשתיקה, מ"מ ראוי שלא להניח תפילין בזמן כזו שיודע שיצטרך להכנס בשאלה זו. אבל איסור אין בזה.

2 עוד יוסף חי (וירא ס"ה) קיצור של"ה (תפילין).

3 יו"ד (סי' רפב ס"ז), עי' שו"ת רדב"ז (ח"ג סוס"י תקטו) 'מנהג יפה הוא שלא ישב אדם על המטה או ספסל שיש עליו תפילין, ואפילו מונחים בתוך תיקן אם לא יהי' גבוה, כדי לתת כבוד והידור לכל דבר שבקדושה מצד עצמו, ולא מדינא שהרי בס"ת עצמו איכא פלוגתא דרבוותא והבו דלא לוסיף עלה'. ערוה"ש (סי' מ ס"ד).

4 מאסף לכל המחנות (סי' כה סקכ"ט) בשם הרה"ק העטרת צבי מזידיטשוב זי"ע שיש לומר סדר ברכת השחר אחר הנחת תפילין בביהכ"נ בציבור, וכ"כ בדברי יצחק בשם הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע.

5 מ"ב (סי' כה סקי"ג) בשם ארצות החיים. ובכף החיים (סקכ"ו) והוא משער הכוונות (דף א ע"ג) שהאריז"ל הי' מסדר כל ברכות השחר עד פר' עקידה ואח"כ הי' מתעטף בטלית ומניח תפילין ואח"ח מתחיל תפלתו מן פר' עקדה ואילך. לפני שהניח טלית ותפילין. ובבן איש חי (וירא) שהתפילין 'יהיו עליו בשעת קר"ש דקרבנות שהיא חיוב ואמרו רבותינו ז"ל כל הקורא קרי"ש בלא תפילין כאילו מעיד עדות שקר על עצמו'.

6 מטה משה (עמוד העבודה חלק ראשון אות ז, שהרא"ש הניחן בין אוזר ישראל ועוטר ישראל ויש נוהגים להניחם קודם ברוך שאמר), וביוסף אומץ (סי' רכד, שרובא דעלמא נוהגין להניח טלית ותפילין סמוך לברוך שאמר). ומנהג סקווירא להניח קודם הודו (שלהאשכנזים זהו 'קודם ברוך שאמר'), והבעל תפלה מניחו מקודם להסמיך הקדיש דרבנן למשנה וברייתא גם יחד, ומניחו לפני משנת הבכור והמעשר.

7 מציינים לנועם מגדים (אחרי ולא מצאתיו כעת).

8 שו"ע (סי' כה ס"ה), ועי' בזה מעשה נורא בירושלמי (חגיגה יא.) וכן בסנהדרין (כח:).

9 מ"ב (סי' כה סקי"ז).

10 רמ"א (סי' כה סי"א), דרך החיים (תפילין ס"ה ח). ובשו"ת מהרש"ל (סי' צח) כתב 'מצאתי בליקוטים שצריך להניח תפילין בעמידה דאין דבר קדושה יותר מזו, ועוד שדומה לעבד העומד לפני רבו ומקבל עליו חותמו העשויה לעבדות'.

אבל יש שנהגו עפ"י האריז"ל להניח התפילין של יד מיושב, והתפילין של ראש מעומד וכמ"ש השל"ה 'ואנחנו יושבי אר"י הנמשכים אחרי קבלת הזוהר, נוהגים להניח תפילין של יד מיושב'. ולהנוהגים כן עי' בשועה"ר (סכ"ז) 'לכתחילה טוב לנהוג שתהא ההנחה על הקיבורת מיושב, והברכה והקשירה על הקיבורת מעומד', ובכף החיים (סי' כה סקל"ג) 'להזוהר והאריז"ל צריך להיות ההנחה והברכה מיושב'. ועי' סידור לב השמים עמ' יד) מנהג הגה"ק בעל ברכות שמים זי"ע בזה.

ויש שנוהגים שמניחים השל יד בסמיכה כעין הכרעה בין שני הדיעות עי' בהגהות מהרש"ם (על ארחות חיים סי' כה אות טז) 'ומהנכון לעשות ההנחה בסמיכה דהוי כישיבה וגם כעמידה', וכ"כ באשל אברהם (קמא) 'אני נוהג להניח את תפילין של יד דרש"י ז"ל בעת הברכה בעמידה רק באופן שאני סומך את עצמי כ"כ שאם ינטל אותו דבר אינה עמידה'. וכ"כ בשערי שלום על קשו"ע (סימן י' סקנ"ו בהערה) שכן נהגו הגה"ק בעל עצי חיים מסיגעט, אהבת ישראל מוויזניץ, ויואל משה מ'סאטמאר זי"ע.

11 כה"ח (סי' צ"א סקכ"ו): 'ועל כן במקום שמלבוש העליון שלהם, מקום הזרועות הם צרים, וצריך לחלצם מפני לבישת התפילין, צריך לחזור וללבשם אחר כך, כי אין כבוד לעמוד כך לפני המלך ולהתפלל יד חולצת ויד לובשת, או יעשה להם קרסים כדי שלא יצטרך לחולצם ולחזור ללבשם, אלא יתיר הקרסים'. והעולם מקילים וכנראה שאין חושבין זה לבזיון.

וראיתי מי שהעיר דעפ"י רוב הרוכסן נפתח מצד שמאל לצד ימין, והשל יד מונח בשמאל התיק נמצא דיש חשש אין מעבירין, ואם פותחו קודם לשם יחוד נמצא דכעת עדיין אינו מוכן להניח התפילין, וא"כ אין כאן אין מעבירין, וכ"ז מהיות טוב ואינו מעכב. ויל"ע כי הטעם שהשל יד הוא בצד שמאל הוא שכשאדם מכניס בהכיס בצד ימין אז היד נכנס משופע ויהי' יותר סמוך לצד שמאל (מה שאפשר לדון עליה, אבל יש שהסבירו כן) וא"כ אם פתח הרוכסן ומכניס ידו ממילא יהי' ידו לצד שמאל ואין כאן אין מעבירין, וגם מצאנו דכיון שהתחיל להסתעסק בשל יד תחילה רשאי להמשיך ואינו צריך לצמצם לפתוח רק עד החצי כי התחיל בכך לצורך השל יד וגם סוף סוף יוכל עי"ז להכניס ידו לצד השל יד יותר בריות. וכן עי' שו"ת משנת יוסף (חי"ד סי' כג) להקל.

12 כ"כ בלקט הקמח החדש (סי' כז סק"ו) בנוטל תפילין מיד חבירו וה"ה בנוטל בעצמו מהכיס.

ועי' בלקט הקמח החדש (אות י) שיצדד עצמו קודם לקיחת התפילין של יד שיהי' יותר סמוך לשל יד.

13 ספר חסידים (סי' רעג) 'אדם שהתפילין שלו וכו' בתיק לא ינערם חוץ אלא יתפשם בידו ויוציאם', וכן הוא בקיצור שו"ע (סי' י ס"ד).

14 ערוה"ש (סי' כה סי"ט), ובאות חיים ושלום (סי' כח אות ג) כתב הטעם כדי שיפגע בשל יד תחילה דדרך בני אדם כשפושט יד ימינו אז השל יד כשהוא מונח בהכיס בצד שמאל פוגע בו תחלה, (אכן אין זה הכרח), אבל הליקוטי מהרי"ח (דף כ ע"ב) כתב 'המנהג להניח של ראש מצד ימים הכיס וכו' והטעם נראה מפני חשיבותה'. אכן במ"ב (סי' כח סק"ז) מביא משלחן שלמה 'דטוב שיהיו התש"י בצד ימין של התיק ג"כ מטעם זה [שיפגע בו תחילה]', אמנם אין כ"כ נפ"מ, והעיקר שלא ישנה מקומה בכל עת רק יהי' מונח על מקום קבוע של יבא לטעות.

15 שו"ע (סי' כה סי"א), ובמ"ב (סקל"ט): 'אפילו אם ירצה להוציא השל ראש והשל יד שניהן בשוה מן התיק, דבזה אין מעביר על המצוות, אפילו הכי יש ליזהר כי יש בזה טעם ע"פ קבלה, וכ"ש להניח השל יד מידו, ולהתעסק בהוצאות השל ראש, מדינא אסור'.

16 שער הכוונות (דף י:) 'מורי ז"ל הי' נזהר שלא להוציא של ראש מכיסן עד שיניח תפילן של יד ויקשרנו למעלה במקום הקיבורת, ואח"כ לא הי' חושש מלהוציאם, אע"פ שלא כרך הז' כריכות סביב זרועו', וכן בבן איש חי (וירא אות יט) 'שיש בני אדם נכבדים שהשמש מכין להם במקומם בביהכ"נ הציצית והתפילין שיוציאם מן הכיסים קודם שיבואו, וצריך למחות בידם שלא יעשו כן', וכתב שרק אחר הקשירה על הקיבורת יכול השמש להוציא השל ראש.

ובמ"ב (סק"מ): 'אם אחר יכול הוציא ולתקן של ראש בעוד שחבירו מניח של יד, הפמ"ג מחמיר, וארצות החיים מיקל'. משמע דלהפמ"ג אף איש אחר אין לו להוציא, אפילו אחר שכבר התחיל להניח השל יד, לכן כ"ש שאין לאיש זה להוציאן בעצמו קודם שהתחיל להניחן. ובבית נאמן בישראל (הנחת תפילין עמ' מח) כתב שבזה אף הארצות החיים מודה לאסור. אכן בתורת חיים (סי' כה סקכ"ב) כתב 'אין קפידא אלא כשהמניח עצמו מתיר רצועה של ראש, או מוציאה מהתיק קודם שיניח של יד, אבל אם אדם אחר בעוד שחבירו מניח תפילין של יד מתיר לו תפילין של ראש אין קפידא'.

למזל טוב

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו.
כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו. אלה וכאלה יוסף עמנו.
שהחיינו וקימנו וליום הזה הגיענו. הוא יום שמחת כלולת בננו היקר

הבחור החתן המופלג בתוי"ש בנש"ק

הרב **מנחם שלמה** שליט"א

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה בתש"ק

מרת **פעסל לאה** תחי'

בת כבוד מחותני שיב שלשלת היוחסין
הרה"ג ר' **נחמן וואגשאהל** שליט"א
בן הגה"צ ר' **חנה** שליט"א מלאנצהוט
חתן הגה"צ ר' **חיים יוסף לייטנער** אב"ד פאנטעווידעא שליט"א

מתכבדים אנו בזה להזמין את אהובינו קרובינו וידידינו לבוא ולהשתתף
בשמחתינו שתתקיים בעהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' לסדר אם נא מצאתי חן (וירא)
ט"ו לחודש חשון שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט

קבלת פנים בשעה 6:00 • והחופה בשעה 7:00

**באולם פרדס פיגא**
243 Keap Street Brooklyn, New York

ואי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"ג
ובזכות אבוה"ק זי"ע ישפע משמחה זו שפע רב לנו ולכל ישראל אמן

ידידכם המצפה לקראת בואכם לשלו' ולקבל פניכם בשמחה

**יואל ראזענבערגער וב"ב**
אב"ד אמסנא
בלאאמו"ר הגה"צ אב"ד גמזו שליט"א
חתן כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א

בס"ד

הננו בזה בקריאה של חיבה לכל קרובינו ידידינו אנ"ש היקרים
להתעלס אתנו באהבים בשמחת כלולת נכדינו היקר עב"ג שתחי'
ויה"ר שזכות אבותינו הקדושים יגן עלינו ולכל המשתתפים בשמחתינו להתברך ברב
שפע ברכה והצלחה ורפואות וישועות לנו ולכל ישראל

| | |
|---|---|
| **נתן דוד ראזענבערגער והרבנית** | **יוסף ירחמיאל כהנא והרבנית** |
| אב"ד גמזו | אדמו"ר מספינקא |
| בן לאאמו"ר אבד"ק גמזו זצוקל"ה | בן כ"ק אדמו"ר מספינקא זצוקל"ה, ב"ב |
| חדב"ן כ"ק אדמור מקאלוב זצוקל"ה | חדב"ן כ"ק אדמו"ר מטאהש זצוקל"ה |
| ברוקלין נ.י. יצ"ו | קרית טאהש יצ"ו |

---

# א

בעזהשי"ת

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו
הננו מתכבדים להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**יעקב שמעי'** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
**אסתר** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום א' פ' וירא, י"א חשון תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט
קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00
סעודה אחר החופה
באולם קאנטינענטאל, ברוקלין, ניו יורק

ידידיכם המצפים לקבל פניכם בשמחה

| | |
|---|---|
| הורי החתן | הורי הכלה |
| יוסף יודא ארי' ארגער | משה צבי אבערלאנדער |
| ורעיתו | ורעיתו |

---

בעזרת השם יתברך

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת הננו מתכבדים להזמין את מעלת כבודכם
לבוא ולהשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

| | | |
|---|---|---|
| הבחור החתן המופלג בתוי"ש | עב"ג | הכלה הבתולה המהוללה |
| **יהודה** נ"י | | **אסתר לאה** תחי' |

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

ביום ג' לסדר ונברכו בו כל גויי הארץ (וירא)
י"ג לחודש חשון שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט

ולמספרם 4 November

קבלת פנים בשעה 6:00 • והחופה בשעה 7:00

באולם אור החיים וויזניץ

1824 53rd St, Brooklyn, NY 11204

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו המחכים לקבל פניכם בשמחה

| | |
|---|---|
| הורי החתן | הורי הכלה |
| ישכר בעריש פרענקל וב"ב | שלמה אליעזר הלוי גליקמאן וב"ב |
| נכד הרה"ק מליסקא זצוק"ל | נכד הרה"ק מראדאשיץ זצוק"ל |
| קרית יואל יצ"ו | ברוקלין יצ"ו |

---

# ק

בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון | וקול שמחה | קול חתן | וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את מעלת כבודכם לבוא ולהשתתף
בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו ה"ה

| | |
|---|---|
| הבחור החתן המופלג בתוי"ש | עב"ג הכלה הבתולה המהוללה |
| כמר **יוסף י-הושע** נ"י | מרת **יודת** תחי' |

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' לסדר "ונברכו בו כל גויי הארץ" (וירא)
ט"ו לחודש חשון שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט
(למספרם Nov 6)
קבלת פנים בשעה 5:30 | החופה בשעה 6:30

באולם כינור דוד
18 Getzil Berger Blvd, Monroe, NY 10950

ואי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ
ידידיכם המצפים לקבל פניכם באהבה

| | |
|---|---|
| הורי החתן | הורי הכלה |
| שמעון סג"ל קרויס וב"ב | זלמן לייב גליק וב"ב |
| בן הרה"ח ר' אלקנא מאיר סג"ל קרויס ז"ל | קרית יואל יצ"ו |
| קרית יואל יצ"ו | |

---

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי
וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת
נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת
שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

אריינצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענשן
840

איבערצושיקן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #305
Monroe, NY 10950

שיקט א
פעקס
877.760.0544

לאזט א מעסידזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841

## ענדיגן סוף זמן ווי ס'דארף צו זיין

לכבוד מערכת גליון באור החיים.

עס איז געווען לעצטנס אויסגעשמועסט אינעם מדור מאנ"ש לאנ"ש, בענין פון וועקשיקן די קינדער לערנען אין דער פרעמד, איך מיין אז מ'האט שוין אלעס אויסגעשמועסט, און ווער עס רעדט זיך איין אז ער האט טאקע נישט קיין ברירה זאל אים וואויל באקומען. אבער זיך דרייענדיג אסאך בתוככי הישיבה, וויל איך איין זאך מעורר צו זיין, וואס אפי' פאר דעי יאר איז שוין מסתמא צו שפעט, דארף מען עס אבער נעמען אין באטראכט פאר אן אנדערע מאל. געוויסע כאפן זיך דאס נישט לכאורה, אז ווען מ'שיקט אוועק א בחור פון ישיבה קטנה נאך פאר די זמן ענדיגט זיך, צו אלול ישיבות, איז עס א געוואלדיגע שאדן פאר די גאנצע כיתה און גאנצע ישיבה, און דאס טאר זיכער נישט געשעהן. און איך בין זיכער אז ווען מ'וועט וויסן ווי שטארק עס צוברעכט די כיתה און עס שטערט פון ענדיגן די זמן געהעריג ווי עס דארף צו זיין, וואלט מען עס זיכער קיינמאל נישט געטוהן.

## וויפיל הדסים און צו וועלכע זייט פון די לולב, און איבער וויפיל נענועים ביים שאקלען צו יעדע זייט

איך וויל באדאנקען די חשובע מערכת פאר די הערליכע פארגרעסערטע גליון לכבוד דעם פאראנגעגענעם יום טוב סוכות העעל"ט. און אויך די הערליכע ביילאגע "די פארלאפענע יאר מיט א בליק אויף צוריק".

ספעציעל האב איך אויך הנאה געהאט פון דעם מאמר "ולקחתם לכם", איבער דעם ענין פון ד' מינים. וואס איך האב דעם ערשטן מאל געטראפן די טעם פון נעמען ניין הדסים, וואס רביה"ק זי"ע האט זיך געפירט אזוי, און אויך כ"ק מרן רבינו שליט"א. אז ס'איז וויבאלד די ד' מינים ווייזן דאך אויך די אותיות פונעם שם הוי"ה, די הדסים ווייזן אויף די יו"ד, און מ'רעכנט די מילוי דמילוי ממילא איז עס ניין אותיות.

אויף למעשה פירן זיך טאקע נישט רוב ציבור צו נעמען ניין הדסים, אבער די אופן פון די אויסשטעל פון די הדסים ביים רבי'ן איז אויך א זאך וואס מ'קען יא טוהן, אפי' מנעמט נאר דריי הדסים, דאס איז צו לייגן די הדסים און די פארנט פון די לולב אנשטאט די רעכטע זייט.

איך וויל צולייגן אויף דעם וואס איז געשטאנען נאכגעברענגט פון ארי' הק' צו שאקלען די ד' מינים דריי מאל צו יעדן זייט ביי די נענועים, אז למעשה איז באקאנט אז דער הייליגער רבי זי"ע האט געשאקלט פיר מאל ביי יעדן זייט, די טעם דערויף ווייס איך נישט, אבער הייא יאר ביי די עבודת הקודש פון נענועים ביים רבי'ן זאל זיין געזונט האב איך פרובירט צו קוקן דערויף, האט מיר אויסגעקוקט אז דער רבי שאקלט טאקע פיר מאל צו יעדן זייט, אבער די ערשטע און די לעצטע האלבע שאקל ווערט פאררעכנט באזונדער פון די דריי מיטעלסטע מאל.




און איך טראכט אז עס קען אויך שטומען מיט דעם סדר פון דרייען די רציעות ביי הנחת תפילין של יד. ווי ס'ווערט געברענגט פון אריה"ק צו דרייען די רציעות אויפן האנט-ארעם זיבן מאל, און למעשה פירט מען זיך ביי אונז צו דרייען נאך צוויי האלבע מאל אויבן און אונטן, וואס אפי' עס קען אויסקוקן ווי אכט מאל, איז אבער למעשה פאררעכנט ווי זיבן מאל, בנוסף צו נאך א האלבע דריי אנפאנג און א האלבע דריי צום סוף. די זעלבע איז דא ביי די נענועים קען עס אויסקוקן ווי פיר מאל, אבער למעשה איז עס דריי מאל, בנוסף צו נאך א האלבע שאקל פון אנפאנג און א האלבע שאקל

צום סוף.

איך וויל ענדיגן מיט א ברכת הדיוט שתצליחו בכל מעשה ידכם עוד רבות בשנים אמן.

ה.ב.

# ובכן יתקדש שמך ה׳ אלקינו – כל הגולה כמדורת אש

לכבוד מערכת גליון באור החיים.

מען מוז ארויסברענגען לשבח די עסקנים דקהלתינו הק׳ וואס האבן געטריי געארבעט צוזאמען מיט די קהלות הקודש פון מאנטריאל צו ארגאניזירן און פירן דעם גרויסן עצרת נגד גזירת הגיוס של מדינת השמד בארה"ק וואס איז פארגעקומען דעם נעכטיגן דינסטאג, איך האב אביסל מיטגעהאלטן די כוחות וואס עסקנים האבן אריינגעלייגט אין אלע הינזיכטן צו קענען צו שטאנד ברענגען אזא מאסיווע פראטעסט אין אזא קורצע צייט.




די קידוש השם איז געוואלדיג ווען אידן קומען ארויס זיך אננעמען פאר כבוד שמים און אראפנעמען דעם חרון אף, און בעזרת השם יתברך זאל עס טאקע האבן אויפגעטוהן דעם ריכטיגן תכלית, מיר האבן געטוהן און דער אייבערשטער וועט אויפטוהן. א באזונדערע קידוש השם איז צו זעהן ווי אידן אין די גאנצע וועלט נעמען זיך אן און פילן מיט די ליידן פון אחינו בני ישראל תושבי ארץ הקודש, ווייל גאנץ כלל ישראל זענען דאך א קומה שלימה. עס איז אוודאי אויך ארויסגעקומען א קידוש השם פון די מעמד אליינס ווי די גאס האט געזעהן וואס עס מיינט אידישע חסידישע אידן ביי א פראטעסט.

נאך א קידוש השם איז פארגעקומען מיט דעם פאלגנדן געשיכטעלע וואס האט זיך אפגעשפילט ביים עצרת וואס לכאורה רוב ציבור האט נישט מיטגעהאלטן, איך האב עס געהערט פון העסקן ר׳ שלמה יואל גרינהוט, און איך האלט אז עס איז כדאי מ׳זאל עס טאקע יא וויסן. דערציילט ער אז בשעת די מארש פיקעטינג די ערשטע חלק פונעם פראטעסט איז ער נישט דארט געווען פרעזענליך, עס האט זיך אויסגעפעלט אז ער זאל שוין זיין ביים מקום העצרת פון די דרשות.

פלוצלינג זעהט ער ווי עס קומט צו גיין איינער נישט א היימישער צום פאדיום, מיט א בליץ שנעלקייט הייבט ער אן צוצווארפן דעם גאנצן אויבן אן, די פלאטפארמע מיט די טישן און בענקלעך, און אויך די קאנאדישע און פראנצויזישע פענער האט ער אוועקגעווארפן ערגעץ ווי איבער א געיט, און יענער איז אנטלאפן, עס איז גלייך געווארן א מהומה און פאליציי האט אים געכאפט, און די עסקנים האבן אלעס פלינק צוריקגעשטעלט ווי געהעריג נאך פאר דער ציבור קומט אן.

ביני לביני כאפט זיך ר׳ שלמה יואל אז דער מענטש איז דאך א אידיש קינד, עס האט זיך דאך ארויסגעזעהן ציצית פון זיינע קליידער. איז ער שנעל צוגעגאנגען צו די פאליציי, און שטארק משתדל געווען אז מ׳זאל נישט ארעסטירן יענעם, אפי׳ דאס קען אנגערופן ווערן א קריים., וויבאלד יענער איז א איד, און מיר זוכן נישט צו לייגן אין תפיסה קיינעם נישט. און ער איז נישט געגאנגען ווייטער ביז די פאליציי האבן אים צוגעזאגט אז מ׳וועט יענעם נישט ארעסטירן.

און איך האלט אז דאס איז נאך די גרעסטע קידוש השם ווען מ׳זעהט אז אידישע קינדער זענען טאקע מוחה און געבן ארויס דעם ווייטאג וואס די ציוניסטישע רעגירונג ליידער מזרע היהודים, אבער אין די זעלבע צייט זוכט מען נישט נקמה און קענען עפעס צוריקטוהן, און מען טוט פעולות זיכער צו מאכן אז א אידיש קינד ווערט ח"ו נישט ארעסטירט, אפי׳ ער האט געשעטערט און איז נישט מיט אונז אויף איין בלאט אין אידישקייט.

זאל דער אייבערשטער טאקע העלפן אז עס זאל בטל ומבוטל ווערן די אלע גזירות על הדת אין ארץ ישראל, און עס זאל זיין וילמדו תועים בינה יתמו חטאים ולא חוטאים, וכל הרשעה כולה כעשן בעשן תכלה כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ, בהתגלות כבוד שמים עלינו, והיה ה׳ למלך על כל הארץ בב"א.

# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב

**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**

צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש – ניו יארק:

## ברוך מרחיב גבולים

ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה! שרייען אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר וועלכע האלטן מיט די היסטארישע פרייליכע אנטוויקלונג פון די געוואלדיגע הרחבת גבולי הקדושה און אויסטערלישע הצלחה'דיגע סייעתא דשמיא מיטן עפענונג פון די נייע מבצר התורה והחסידות מיסודו ולאורו של רבינו הקדוש זי"ע בהתייסדות ובנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וועלכער איז שוין א מציאות, און פונקציאנירט לשם ולתפארת ולתהלה תהלה לקל יתברך.

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פר' נח, ב' דר"ח חשון העעל"ט, נאכדעם וואס די חשובע בחורים זענען אנגעקומען מיטאג צייט, איז פארגעקומען די סידור חברותות, וואו דער חשובער מנהל הרה"ג רבי מענדל וואלף האלצער שליט"א האט צוגעהאלפן אלע בחורים זיך מסדר צו זיין מיט די פאסיגע חברותא.

דערנאך האט דער חשובער מנהל שליט"א געהאלטן א לענגערע גאר אינהאלטסרייכע דרשת פתיחה, און דער חשובער ריש הלכתא הרב הגאון דומ"ץ קהלתינו ק"י שליט"א האט אנגעהויבן דעם שולחן ערוך שיעור, לערנענדיג שמעתתא אליבא דהלכתא אנגעהויבן פון די גמרא אינעווייניג, נאכפאלגענדיג מיטן שיעור פשוט פון הרה"צ רבי יצחק אייזיק סג"ל שליט"א.

תורת"ו מגן לנו היא מאירת עינינו וימליץ טוב בעדינו

*

## בחורי ישיבה גדולה אונטערן רישומא דקדושה פונעם ערשטן שבת אין ישיבה

דעם פארגאנגענעם שבת קודש פר' לך איז געפראוועט געווארן דורכן חשובן ר"מ שולחן ערוך הגאון דומ"ץ קהלתינו בק"י שליט"א, וועלכער האט אריינגעברענגט א געוואלדיגע התעלות אין די חשובע בחורים וועלכע האבן אריינגעלעבט אין א טאהש'ער שבת דורכאויס די תפלות וסעודות שבת אויף א דערהויבענעם פארנעם, וועלכע האט זיך אנגעזען אויף די לעכטיגע צופרידענע פנים'ער דורכאויס א גאנצע וואך.

שבת קודש בצל כנפיך יחסיון.

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש – ניו יארק

## פרישע זמן אנגעהויבן מיט

## געוואלדיגע הצלחה ב"ה

א ערהאבן בילד איז געווען ווען קרוב צו הונדערט בחורי הישיבה קטנה האבן זיך צוגעהערט צו די דרשת פתיחה פונעם חשובן מנהל שליט"א דעם ערשטן טאג פון זמן החורף, פארגאנגענעם מיטוואך פרשת נח, א' דר"ח חשון העעל"ט.

דער מנהל האט אראפגעשטעלט די תקנות ויסודות הישיבה, און מיט שטארקע חיזוק ארומגערעדט וויאזוי אויסצוניצן די בחור'ישע יארן בתורה עבודה יראת שמים ומדות טובות, און ארויסגעהויבן די באזונדערע זכי' וואס די בחורים האבן צו לערנען בין כותלי ישיבתינו הקדושה וועלכע איז יסודתו בהררי קודש דורך רבינו הקדוש זי"ע ובנשיאות ממשיך דרכו בקודש רבינו שליט"א וועלכע איז עינו ולבו פאר די הצלחה פון יעדן תלמיד הישיבה.

הדרך ילכו בה והמעשה אשר יעשון.

תלמוד תורה עבודת משולם פייש - מאנסי:

## ת"ת ציעט זיך אריבער צו א גרעסערע לאקאציע לקראת די נייע יאר

על ארבעה צריכין להודות" - מיט גרויס שבח והודאה להקב"ה האט מען



אצינד זוכה געווען אריינצוטרעטן אונעם "פערדע יאר" זינט די התייסדות המוסדות, ווי ברוך השם מען זעהט הייפעליך ווי די זכות פון רבינו הקדוש זי"ע באגלייט אונז אויף טריט און שריט, און טאקע צום נייעם יאר האט מען ברוך השם זוכה געווען צו גרייכן א העכערע שטאפל, ווען מען האט בשעה טובה זוכה געווען זיך אריין צו ציען און א נייע גרויסע בנין אויף די ווילאלע גאס, צו קענען אקאמאדירן די נייע קלאסן און איבערפלוס פון די צאן קדשים, און וועט אודאי צוגעבן צום הרחבת הדעת אז די טייערע טאהש'ע קינדערלעך זאלן שטייגן מעלה מעלה בתורה ויראה שמים על דרך עבודת עבודה.

קרית טאהש:

# תושבי קריתינו הק' זענען זיך משתתףביים מחאה לאור קריאת הקודש של מרן רבינו שליט"א

נעכטן דינסטאג לך זענען מאסן תושבי קריתינו ותלמידי ישיבותינו הקדושות זיך צאמגעקומען לקדש שם שמים, פארנט פונעם ציניסטישן קאנסולאט אין דאונטאון מאנטריאל, נאכן ספעציעלן רוף פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ובית הוראה דקהלתינו הק', זיך משתתף צו זיין ביים מחאה וועלכע איז פאררופן געווארן על פי קריאת התאחדות הרבנים דארה"ב וקאנאדא, צו פראטעסטירן אנטקעגן די מדינה הטמאה בכלל, און גזירת הגיוס בפרט, המורחפת על אחינו בני ישראל תושבי ארץ הקודש.

א פלאטע פון באסעס זענען ארויסגעפארן פון קריתינו הק' ארום 3:00 נאכמיטאג, אנקומענדיג האבן די ציבור האלפים מארשירט עטליכע גאסן מיט די ספעציעלע טאוול'ן און שילדן, ארויסשרייענדיג פון הארץ די ספעציעלע פזמונים וועלכע האט גאר שטארק אפגעקלינגען מיילן ווייט, אנקומענדיג פארנט פונעם קאנסיל איז געווען אויפגעשטעלט א גרויסע בימת הכבוד, ווי הרבנים הגאונים שליט"א האבן באשיינט, אזוי אויך האבן זיך אנגעזעהן הרבנים הגאונים דייני קריתינו הק' שליט"א, ובני וחתני רבינו שליט"א.

דער יושב ראש האט געעפנט די מעמד, און אויפגערופן הגה"צ אב"ד סאטמאר מאנטריאל שליט"א, דערנאך האט מען געהערט ווארימע דיבורים פון הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א. דערנאך האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' אהרן יוסף לייטנער שליט"א מנהל ישיבת תורת משה, דערנאך האט מען געהערט א דרשה אין פראנצויזיש, דערנאך א דרשה אין ענגליש. גאר שטארק איז געווען די התעוררות ביי קבלת עול מלכות שמים דורך הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א.

עס האט זיך ב"ה אנגעזעהן א געלונגענע ארדענונג, נאכדעם וואס עסקני קהלתינו הק' אינאיינעם מיט די עסקני מאנטריאל האבן אריינגעלייגט גאר גרויסע כוחות, און די ציבור האט זיך פארשפרייט מיט ווארימע געפילן אז מען האט ב"ה זוכה געווען לקדש שם שמים, און זיך אנגעמען למען כבוד שמו יתברך. ויה"ר שמלכות הרשעה מהרה תעקר ותשבר במהרה בימינו.












# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

לך לך - תשפ"ו לפ"ק

## א' דחג הסוכות

מנחה ערב יום טוב איז צוגעגאנגען צום עמוד כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א. דער רבי איז צו געגאנגען צו מעריב, נאך מעריב איז דער עולם אריבער וואונטשן א גוט יום טוב.

דער רבי איז אריינגעקומען צום שלחן הטהור אינעם היכל הסוכה בביתו נאוה קודש, ווי עס איז געווען צוגעשטעלט אלע סעודות יום טוב ביד רחבה כיד המלך פאר אלע אורחים החשובים. וכאן המקום להודות מוה"ר אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו, וואס האט צוגעגרייט פאר אלע געסט לשובע ולא לרזון, מיט א געוואלדיגע געטריישאפט. די סוכה איז געווען הערליך שיין באצירט ווי עס פאסט, וכאן המקום להודות פאר הבה"ח דוד ברנש"ז הערשקאוויטש נ"י, וועלכע האט אריינגעלייגט גאר אסאך כוחות, און אלעס הערליך אויסגעשטעלט בכלילת יופי.

דער רבי האט געלאדענט די אושפיזין, מיט הגבהות הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מוה"ר אביגדור הכהן וויינבערגער הי"ו פון וומסב"ג.

במשכ'ן טיש האט מען געזינגען ניגוני יו"ט, דער רבי האט געטיילט שיריים פון אלע מאכלים, אזוי אויך האבן די בעלי האושפיזין געברענגט קוגלען כנהוג, פון וואס דער רבי האט געטיילט שיריים.

אתה בחרתנו רבינו שליט"א, אתה אחד הרב דוד יודא הכהן לאנדאוי הי"ו פון מאנסי, ויאתיו כל הרב ישכר בער הארוויץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען בנו הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, שיר המעלות הב' שלום ב"ר אביגדור דניאל סג"ל קרויס נ"י פון וומסב"ג.

⋄

די ערשטע טאג יו"ט תיכף אינדערפרי, האט דער רבי מקיים געווען די מצות ד' מינים און די עבודת הנענועים אינעם סוכה הפרטי, דער רבי האט געמאכט די ברכה אויף א יאנאווא אתרוג, און דערנאך ממשיך געווען בעבודת הקודש א לענגערע צייט אויך מיט אתרוגי מאראקא און ארץ ישראל.

פסוקי דזמרה האט געדאווענט פארן עמוד הרב אברהם לייב ראזענבוים הי"ו מנהל חברת תהלים, צו שחרית איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' יששכר דוב מאירוביץ שליט"א.

די פייערדיגע הלל וואס דער רבי האט פארגעדאווענטביידע טעג יום טוב, די דערהויבענע נענועים, און אמירת הושענות האט מעורר געווען יעדעם'ס הארץ.

ביי אמירת הושענות האט געהאלטן די ספר תורה הב' שלום ב"ר אביגדור דניאל סג"ל קרויס נ"ו.

ביים ליינען האבן עולה געווען: כהן מו"ה חיים אלי' צבי פריעד הי"ו פון מאנטריאל, לוי הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, שלישי הרבני הנגיד ר' נתן פייטל פאשקעס הי"ו פון מאנטריאל, רביעי מוה"ר יחזקאל שרגא ווייס הי"ו פון מאנטריאל, חמישי מוה"ר אליעזר בלויא הי"ו פון מאנטריאל. פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, און מפטיר האט עולה געווען נכד הרה"ח ר' פייטל פאשקעס הי"ו. קה קלי מוה"ר אליעזר זוסיא סג"ל קרויס הי"ו חבר מקהלת המנגנים.

צו מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, און פארן דוכ'ענען האט דער רבי אפגעגאסן גיסו הגדול כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, און הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן.

פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר ישראל זאב סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג.

⋄

מיט הגבהות הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מוה"ר יחזקאל שרגא טעללער הי"ו פון אנטווערפן. אתה אחד הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא הכהן לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א חדב"ן. שיר המעלות הב' הערשל ב"ר צבי משה פישער נ"ו פון קרית יואל.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען הרב ישכר בער לייפער הי"ו.

## ב' דיו"ט

ליל ב' דיו"ט איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א. נאך מעריב איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש, און געוואונטשען א גוט יום טוב פאר כל הקהל הקודש.

ביים שלה"ט האט דער רבי אנגעהויבן מיט למנצח די סדר האשופוזין כנהוג. מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מוה"ר בנימין הכהן פישער הי"ו. במשכ'ן טיש האט

דער רבי פארטיילט שיריים פון אלע מאכלים, און פון די קוגלען פון די אושפיזין, מען האט געזינגן די 15 שיר המעלות און לדוד ה' אורי, וועלכע זענען צוטיילט געווארן צווישן די חשובי העדה ואורחים החשובים.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו.

⋄

פסוקי דזמרה האט געדאווענט מו"ה שמעון זילבער הי"ו פון קרית יואל, צו שחרית איז צוגעגאנגען מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו חבר הנהלת ת"ת.

וכמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני' די פייערדיגע הלל און נענועים, און בשעת די אמירת הושענות האט הבחור בן הר"ר ישעי' סג"ל קרויס שליט"א געהאלטן די ספר תורה אויפן באלעמער.

די עליות האבן עולה געווען: כהן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, לוי רבינו שליט"א, שלישי מו"ה מרדכי ארגעל הי"ו חבר מקהלת המנגנים, רביעי הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א מראשי קהלתינו הק', חמישי ר' ישראל מענדל וויינשטיין הי"ו פון קרית יואל. פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, און מפטיר האט עולה געווען הרה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. קה קלי מוה"ר זיידא ישראל יצחק מאירוביץ הי"ו.

מוסף האט געדאווענט כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דוכנ'ען מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו. פאר'ן דוכ'נען האט דער רבי אפגעגאסן חתנו הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן.

פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר אביגדור דניאל סג"ל קרויס הי"ו פון וומסב"ג.

מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מוה"ר חיים יואל פריעדמאן הי"ו פון בארא פארק, אתה אחד מוה"ר יוסף שאול אמסעל הי"ו פון וומסב"ג.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' מרדכי מאיר לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג. שיר המעלות הב' לוי יצחק ב"ר יואל סג"ל שווארץ ני"ו פון וומסב"ג.

צו מנחה איז צוגעגאנגען הרב יוסף צבי קליין שליט"א, מעריב ליל מוציו"ט מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו מגבאי ביהמ"ד הגדול.

## ליל מוציו"ט ראשון

דער רבי האט אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

בשעה 9:30 איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור לכבוד אושפיזא דיעקב בהיכל הסוכה הגדולה, ווי עס איז סערווירט געווארן א ברייטע סעודה, און די מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו האבן אנגעפירט מיט פאסיגע ניגונים.

דער רבי האט געצינדן ליכט, איינגעלאדענט די אושפיזין, זיך געוואשן צום סעודה און געטיילט שיריים פון אלע מאכלים.

דער רבי האט משמיע געווען דב"ק, וואס מען דארף ארויסנעמען פונעם יו"ט, מען האט ממליך געווען דעם אייבערשטן, מלך איז ר"ת מח לב כבד, די לב און די כבד ציען א מענטש, דאס גליסט צו תאות, דארף מען האבן די מח דאס צו קענען באהערשן און זיך מתגבר זיין, ס'זאל זיין מח שליט על הלב. דאס האט מען געטון אין די הייליגע טעג, מען האט ממליך געווען דעם אייבערשטן, קבלת עול מלכות שמים אויף אלע איברים. קומט יעצט סוכות, יעקב אבינו איז איש תם יושב אהלים, תם איז ר"ת ת'אות מ'חשבות, אז מען איז א איש, איש ווייזט אויף שטארקייט, ה' איש מלחמה, וויאזוי קען מען זיך האלטן שטארק, וויאזוי קען מען זיין איש תם, זיך מתגבר זיין אויף די תאות און מחשבות, דורך יושב אהלים, דורך די כח התורה. פאר דעם האט מען אונז געגעבן די ימי חול המועד, זיך מער צוצופלייסן און לערנען די הייליגע תורה, און אזוי וועט מען קענען בלייבן ריין פאר די גאנצע יאר, אזוי ריין ווי מען איז יעצט געווארן אויסגעוואשן די הייליגע טעג, אמן.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: אתה בחרתנו אב"ד קלוזש שליט"א, אתה אחד הרה"ג ר' יעקב יוסף וואזנער שליט"א דומ"ץ סקווירא מאנטריאל, ויאתיו כל הרה"ג ר' שמעון ליגעטי שליט"א פון מאנטריאל.

מיט די 15 שיר המעלות זענען מכובד געווארן, די בעלי אושפוזין נכבדי העם ואורחים החשובים, צווישן אנדערע: הרה"צ רבי יעקב סג"ל שליט"א, הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ, הרה"ח ר' יעקב זוסמאן הי"ו משב"ק, מוה"ר יוסף שלום כרמל הי"ו פון מאנטריאל, הרב יעקב ישראל ברוך גוטמאן הי"ו, הרב יעקב פאגעל הי"ו, מוה"ר יעקב געלב הי"ו, מוה"ר יעקב אליעזר מערמעלשטיין הי"ו, מוה"ר יעקב שאול הערשקאוויטש הי"ו, מוה"ר יעקב יצחק יואל וויינגארטן הי"ו פון קרית יואל, מוה"ר ישראל יעקב קליין הי"ו פון לאנדאן, מוה"ר יעקב יואל שיליץ הי"ו, מו"ה יעקב דוב כהן הי"ו פון בארא פארק, מו"ה אהרן אשר יעקב הערשקאוויטש הי"ו פון מאנסי מגדולי עסקני האיחוד, הרב ישעי' סג"ל קרויס הי"ו מנהל בת"ת.

במשכ'ן טיש האט מען זיך אויפגעשטעלט טאנצן געהויבענע ריקודין, דער רבי האט געטיילט שיריים פון די פילע אושפיזין קוגלען פאר כל הקהל הקודש.

לדוד ה' אורי הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, שיר המעלות הב' יעקב מאיר ב"ר שאול יחזקאל האלפערין ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

## דאנערשטאג - א' דחוה"מ

דער רבי איז אריינגעקומען צו שחרית בשעה 8:00 בהיכל ביהמ"ד הגדול. צום עמוד איז צוגעגאנגען העסקן מוה"ר משולם זושא זילבער הי"ו פון וומסב"ג. דער רבי איז צוגעגאנגען צו הלל און הושענות מיט גרויס התעוררות. בשעת די הושענות

האט הב' יצחק ב"ר משה אשר ראזענבערג נ"י תלמיד ישיבה גדולה, געהאלטן די ספר תורה ביים באלעמער.

די עליות האבן עולה געווען כהן הרה"ח ר' חיים יחזקאל לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, לוי הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו מאנטריאל, שלישי הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו, רביעי הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, הגבה מו"ה יעקב יצחק יואל וויינגארטן הי"ו פון קרית יואל, גלילה מו"ה ישעי' שטערן הי"ו פון מאנטריאל.

צו מוסף איז צוגעגאנגען מוה"ר ישראל מרדכי קרויס הי"ו.

⋄

נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור, אינעם היכל הסוכה בביתו נאוה קודש. במשכ"ן טיש האט דער רבי משמיע געווען דב"ק.

עס זענען מכובד געווארן מיט די זמירות אתה בחרתנו הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו, אתה אחד מוה"ר יחיאל מיכל יקותיאל פריעדמאן הי"ו חבר הנהלת ת"ת, ויאתיו כל מוה"ר משה אשר ראזענבערג הי"ו, לדוד ה' מוה"ר בנימין פישער הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו, שיר המעלות הב' צבי מאיר בנימין ב"ר יצחק שלמה בראדי נ"י פון מאנסי.

נאכמיטאג האט דער רבי אויפגענומען די אורחים קבלת קהל לברך ולהתברך.

צו מנחה און מעריב איז צוגעגאנגען מו"ה אהרן אשר יעקב הערשקאוויטש הי"ו פון מאנסי, מגדולי עסקני האיחוד.

⋄

ביים שלחן הטהור בהיכל הסוכה הגדולה, האט דער רבי געצינדן ליכט, איינגעלאדענט די אושפיזין, זיך געוואשן צום סעודה און געטיילט שיריים פון אלע מאכלים.

דער רבי האט משמיע געווען דב"ק, מען זאל מיטנעמען די כח האמונה וואס קומט אראפ פונעם יו"ט, משה רבינו איז געווען די רעיא מהימנא, ער האט משפיע געווען אמונה פאר כלל ישראל. און אלעס איז מיט די כח התורה. און די כח פון משה רבינו גייט ווייטער ביזן היינטיגן טאג, דורך די רבנים פון אונזער דור, וואס ווייזן אונז וויאזוי זיך צו פירן, דארף מען אויספאלגן אלעס וואס די רבנים הייסן. ביים עטיפת הטלית זאגט מען באור הציצית העולה תרי"ג, וויאזוי איז עס עולה תרי"ג, דורך די פינף קשרים און די אכט פעדימער, די פונקטליכע חשבון שטייט נישט אין די תורה שבכתב, נאר די חכמים האבן אונז עס געזאגט. די זעלבע איז די שמחת בית השואבה, די מצות ניסוך המים שטייט נישט אין די תורה, דער אייבערשטער וואלט עס געקענט שרייבן, נאר ער האט געוואלט ווייזן די כח פון די תורה שבעל פה, און פון אונזערע חכמים, אז אלעס וואס זיי הייסן דארף מען אויספאלגן כהלכה למשה מסיני, אפי' אמאל ס'איז שווער, און מען פארשטייט נישט פונקטליך פארוואס, דארף מען עס אבער אויספאלגן און זיך נישט אוועקרירן קיין זיז כל שהוא פון

דעם, אזוי וועלן אונז זוכה זיין צו אלע השפעות טובות, אמן.

מיט די 15 שיר המעלות זענען מכובד געווארן די בעלי אושפוזין נכבדי העם ואורחים החשובים, צווישן אנדערע: הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א, הרב משה צבי ארי' וואזנער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרב ר' איסר פורסט שליט"א פון מאנטריאל, הרה"ח ר' צבי זאב בערגער הי"ו, הרה"ג ר' משה מאירוביץ שליט"א, הרה"ח ר' יעקב הערש אדלער הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' יעקב הערש ווייס הי"ו פון מאנטריאל, הרה"ח ר' יעקב לאקס הי"ו פון מאנטריאל, מוה"ר יואל דוד וועבער הי"ו, מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו מגבאי ביהמ"ד הגדול, מוה"ר משה סג"ל ראטמאן הי"ו משב"ק, מוה"ר ישראל זונדל סאנדעל הי"ו, מוה"ר שמואל מאיר קרויס הי"ו, הרה"ח ר' משה שמעון פעלבערבוים הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ג ר' מתתי' יואל קאהן שליט"א ראה"כ דקהלתינו הק' מאנטריאל, הרה"ח ר' בנציון וואלדמאן הי"ו פון מאנטריאל.

לדוד ה' אורי הרה"צ רבי יששכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א. שיר המעלות הב' משה ב"ר יואל בער מאנדל נ"י פון לאנדאן.

⋄

דערנאך איז פארגעקומען פייערדיגע ריקודין בשירה ובזמרה בתופים ובמחולות בהיכל ביהמ"ד הגדול, זקנים עם נערים אברכים ובעלי בתים כל הקהל הקודש, לכבוד שמחת בית השואבה, אין שפיץ פון מרן רבינו שליט"א, ומה נהדר היה המראה, ומי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו.

## פרייטאג - ב' דחוה"מ

צו שחרית בהיכל ביהמ"ד הגדול איז צוגעגאנגען צום עמוד מוה"ר יחיאל אלתר גוטמאן הי"ו משמש נאמן דבית מדרשינו מאנסי. דער רבי איז צוגעגאנגען צו הלל און הושענות מיט גרויס התעוררות. בשעת די הושענות האט הב' אלימלך יואל ב"ר שמואל דוד גוטמאן נ"י תלמיד ישיבה קטנה תפארת משולם פייש, געהאלטן די ספר תורה ביים באלעמער.

די עליות האבן עולה געווען כהן הרה"ח ר' דוד יודא לאנדאוי הי"ו פון מאנסי, לוי מוה"ר משה סג"ל ראטמאן הי"ו משב"ק, שלישי הרה"ח ר' הערש לייב קרויס הי"ו, רביעי הרה"ח ר' משה שמעון פעלבערבוים הי"ו פון וומסב"ג, הגבה מו"ה יואל הערש פעלבערבוים הי"ו פון וומסב"ג, גלילה מו"ה אהרן שמואל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג.

צו מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' ישראל הערש פעלבערבוים הי"ו פון מאנסי.

## שבת קודש - שבת חול המועד

ליל שבת חוה"מ איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת

שבת.

ביים שלחן הטהור בהיכל הסוכה הגדולה, האט דער רבי געלאדענט די אושפיזין און געזינגן די זמירות שבת קודש שחל ביו"ט כנהוג, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הרה"צ רבי ישראל מרדכי סג"ל שליט"א.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, הרה"ח ר' הערשל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו פון מאנטריאל, הרה"ח ר' ישראל בנימין סג"ל לאווען הי"ו מנהל חברה הצלה, אב"ד קלוזש שליט"א, הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי האט פארגעלערנט ספה"ק נועם אלימלך און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו, שיר המעלות הב' אהרן עסטרייכער נ"י פון מאנסי. שבח נותנים מוה"ר נחמי' צבי שווארץ הי"ו.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג לביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר יואל יוסף טעללער הי"ו פון לאנדאן, שחרית האט געדאווענט הרה"ח ר' צבי זאב בערגער הי"ו מנהל שיעורי תורה. דער רבי איז צוגעגאנגען צו הלל און פארגעזאגט די הושענות מיט גרויס התעוררות. פתיחת הארון צו הושענות הרה"ג ר' משה מאירוביץ שליט"א.

די צווייטע ספר תורה האט געטראגן צום בימה הרה"צ רבי יעקב סג"ל שליט"א, ראה"ח עבודת עבודה בארא פארק. די עליות האבן עולה געווען כהן מוה"ר אליעזר הערש פישער הי"ו משב"ק, לוי הרה"ח ר' הערשל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, שלישי הרה"ח ר' צבי זאב בערגער הי"ו, רביעי מוה"ר שלמה ווייס הי"ו, חמישי מוה"ר יואל שטרייכער הי"ו פון מאנטריאל, ששי מוה"ר טובי' גדלי' לעפקאוויטש הי"ו פון מאנטריאל, שביעי הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א ראה"ח עבודת עבודה מאנטריאל, אחרון מוה"ר יואל יוסף ניימאן הי"ו פון בארא פארק, פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט מי שברך לחולי ישראל, און דער רבי האט עולה געווען מפטיר. הגבהה מוה"ר אליעזר גאלדענבערג הי"ו, גלילה מוה"ר יצחק שמעון אסטרייכער הי"ו פון קרית יואל.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר זיידא ישראל חיים הערשקאוויטש הי"ו פון מאנסי.

⋄

נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הסוכה בביתו נאוה קודש, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מוה"ר משה בצלאל פרידריך הי"ו פון קרית יואל.

אתה בחרתנו מוה"ר יואל שטרייכער הי"ו פון מאנטריאל, אתה אחד מוה"ר משה דוד יאקאבאוויטש הי"ו פון בארא פארק, אז ביום השביעי מוה"ר יצחק שלמה בראדי הי"ו פון מאנסי.

במשכ'ן טיש האט מען געזינגן ניגוני שבת ויו"ט, און דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א פון מאנטריאל, שיר המעלות הב' שמואל עזריאל יחיאל לעבאוויטש נ"י פון וומסב"ג.

⋄

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה הרה"ח ר' צבי זאב בערגער הי"ו, ביים ליינען האבן עולה געווען ראשון הרה"ח ר' ישראל הערש פעלבערבוים הי"ו פון מאנסי, לוי מוה"ר שמואל דוד גוטמאן הי"ו פון קרית יואל, שלישי מוה"ר יואל מערמעלשטיין הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה מוה"ר ישעי' פעלבערבוים הי"ו פון סטעטן איילענד.

קידוש ביי סעודה שלישית בהיכל הסוכה הגדולה האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' צבי זאב בערגער הי"ו. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו, מוה"ר אלימלך אהרן הערמאן הי"ו, מוה"ר אהרן ברוך יודא ארגעל הי"ו, מוה"ר אהרן שווארץ הי"ו משמש ביהמ"ד הגדול.

דער רבי האט געבענטשט על הכוס, הגבהת הכוס מוה"ר אלימלך ברי"י סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל, שיר המעלות הב' ישראל ב"ר משולם פייש קרויס נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צום עמוד צו תפילת מעריב בהיכל ביהמ"ד הגדול. נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה בהיכל הסוכה הגדולה, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן מו"ה אהרן מאשקאוויטש הי"ו פון מאנסי, די הבדלה האט געהאלטן מו"ה יצחק פעלבערבוים הי"ו פון וומסב"ג.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## מוצאי שבת חוה"מ

ביים שלה"ט לכבוד אושפיזא דיוסף בהיכל הסוכה הגדולה, וואו עס האבן זיך אנגעזעהן פולע געסט פון מאנטריאל און ארום, איז סערווירט געווארן א ברייטע סעודה, די מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו האבן אנגעפירט מיט די ניגונים. דער רבי האט געצינדן ליכט, איינגעלאדענט די אושפיזין, זיך געוואשן צום סעודה, און געטיילט שיריים פון אלע מאכלים. מען האט געזינגן זמירות למלוה מלכה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: אתה בחרתנו הרה"ג ר' יוסף מאיר זילבערמאן שליט"א פון מאנטריאל, אתה אחד הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית צירל, ויאתיו כל הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו פון מאנטריאל.

מיט די 15 שיר המעלות לשמחת בית השואבה זענען מכובד געווארן אנשים מכובדים ואורחים חשובים, צווישן אנדערע: מוה"ר יוסף ווייל הי"ו פון מאנטריאל, מוה"ר יואל יוסף טעללער הי"ו פון מאנטריאל, הרב יוסף צבי קליין הי"ו, מוה"ר יהוסף אלקנה סג"ל קרויס הי"ו, מוה"ר אברהם משה פעלדמאן הי"ו פון מאנטריאל, מוה"ר יוסף דוד סג"ל קרויס הי"ו, מוה"ר משה פעקעטע הי"ו, מוה"ר ישראל נפתלי מערמעלשטיין הי"ו, חבר הנהלת הכולל, מוה"ר משה יצחק הערשקאוויטש הי"ו חבר הנהלת המוסדת, מוה"ר יוסף צוויבל הי"ו, מוה"ר יוסף פערל הי"ו פון מאנטריאל, מוה"ר יואל מערמעלשטיין הי"ו, מוה"ר יואל יוסף מאירוביץ הי"ו, מוה"ר משולם זושא אונגאר הי"ו פון מאנטריאל, מוה"ר יואל כהנא הי"ו חבר הנהלת הכולל.

דער רבי האט משמיע געווען דב"ק, נאכזאגענדיג וואס מען דארף זיך ארויסלערנען פון די מדה פון די אושפוזין, די מדה פון יוסף הצדיק, דארף מען זיך מקבל זיין צו זיין הייליג, און אז מען האט נסיונות, זאל מען געדענקן אז יוסף הצדיק האט אויך געהאט נסיונות, און מען דארף זיך שטארקן. די ד' מינים שטייט פון ספה"ק, די דריי הדסים איז קעגן חסד גבורה תפארת, די צוויי ערבות איז נצח והוד, די יסוד, מדת יוסף הצדיק איז די לולב, די גרעסטע זאך איז די לולב, אלעס איז געבינדן צו די לולב, דאס איז די שטערקסטע וואס האלט אלעס צוזאם, אן דעם איז גארנישט.

ובזכות וואס מען וועט זיך האלטן בקדושה ובטהרה, וועט מען זוכה זיין צו אלע השפעות טובות, ויוסף הוא השליט הוא המשביר, ס'זאל אראפברענגען א שפע פון פרנסה פאר אונז אלע, בפרט אז אונז זענען אוועק פון די גאס, אין אזא הייליגע שטאט אפגעזונדערט פון די גוי'שע גאס, זאל מען זיך ווייטער האלטן ערליך און הייליג, און די קדושה וועט אונז ברענגען אלע השפעות טובות, אמן.

דער רבי האט געטיילט שיריים פון די אושפיזין קוגלען פאר כל הקהל הקודש, און במשכ'ן טיש האט מען זיך אויפגעשטעלט טאנצן געהויבענע ריקודין כל העם הנאספין, אשרי העם שככה לו, אשרי העם שה' אלוקיו.

לדוד ה' אורי הרב חיים מרדכי ראזענבוים שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. ברהמ"ז על הכוס איז מכובד געווארן הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו פון מאנטריאל, שיר המעלות הב' יהוסף ב"ר נחמי' צבי שווארץ ני"ו.

## זונטאג - ד' דחוה"מ

דער רבי איז אריינגעקומען צו שחרית בשעה 8:00 בהיכל ביהמ"ד הגדול. צום עמוד איז צוגעגאנגען מוה"ר יחיאל אלתר גוטמאן הי"ו משמש נאמן דבית מדרשינו מאנסי. דער רבי איז צוגעגאנגען צו הלל און הושענות מיט גרויס התעוררות. בשעת די הושענות האט הב' שאול ישראל ברוך ב"ר יוסף יודא גרינוואלד ני"ו פון וומסב"ג געהאלטן די ספר תורה ביים באלעמער.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ח ר' מרדכי מאיר הכהן לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, לוי מוה"ר חיים משה מאיר סג"ל קרויס הי"ו פון מאנטריאל, שלישי הרה"ח ר' יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו פון קרית יואל, רביעי הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו, הגבה מו"ה יצחק אייזיק קרויס הי"ו פון וומסב"ג, גלילה מו"ה אלימלך דוד פריעדמאן הי"ו פון קרית יואל. צו מוסף איז צוגעגאנגען הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית צירל.

נאכן דאווענען, האט דער רבי אנגעטון די שטריימל פאר החתן אברהם גרינוואלד ני"ו פון קרית יואל, ב"ר ישראל ברוך שאול הי"ו, וועלכע האט חתונה אין ניו יארק, און אנגעוואונטשן ברכות לרוב, פארן חתן ובני המשפחה.

## "השיר והשבח לחי עולמים"

אט דאס זענען די ווערטער וואס ליגן אויף די לעפצן פון כלל אנשי שלומינו, דאנקנדיג און לויבנדיג דעם בורא כל עולמים אז מען האט זוכה געווען מיטצולעבן אזא הייליגע לעכטיגע צווייטע טעג יום טוב, בצילא דמהימנותא קדישא פון אבינו רועינו כ"ק מרן רבינו שליט"א, בקרית מלך רב אין קריתינו הקדושה, וועלכע איז פארריבער גאר אויסטערליש הייליג און דערהויבן, גאנצע פיר טעג, חטיבה אחת פון קדושה און התרוממות, אנגעהויבן פון ליל הושענא רבה, די קריאת משנה תורה און דערהויבענע שלחן הטהור, דערנאך די אמירת תהלים ברוב עם, די דערהויבענע תפילות מיטן נוסח ימים נוראים, די התעוררות'דיגע הלל און הושענות פארגעזאגט דורך מרן רבינו שליט"א, מיט פארגיסנדע בכיות מרעיש עולמות צו זיין לטובת כלל ישראל.

און דערנאך שמיני עצרת און שמחת תורה, די שפיץ פונעם יום טוב, ווען רבינו שליט"א האט אפגעראכטן די עבודת ההקפות מיט געהויבענע ריקודין אינעם חלל הביהמ"ד מיטן מאיעסטעטישן אויסשטעל, וינועו אמות הסיפים ווי די גאנצע ביהמ"ד האט זיך ממש געהויבן אין די לופטן, עס האט זיך געטאנצן פון זיך אליינס, די גאנצע ציבור זקנים עם נערים זיך פרייענדיג בשמחת התורה. דערנאך די נעילת החג טיש שמחת תורה נאכמיטאג געצײלטע שעות פארן ארויסגיין פונעם יום טוב, נאכפאלגענדיג מיטן מעמד הבאגלייטן וברכת הקודש, ווען רבינו שליט"א האט אנגעוויזן וויאזוי מיטצונעמען די יום טוב ווייטער פארן גאנצן יאר, ומה נהדר הי' מראה כהן בצאתו בשלום מן הקודש.

נאכן זוכה זיין צו פראווענען די יום טוב בצל הקודש זענען אנשי שלומינו מרגיש אז מען האט זיכער גע'פועל'ט אלעס גוטס, די נשמות זענען אנגעזעטיגט, און ס'איז שווער זיך צו געזעגענען פון אזא יום טוב, די שפראכלאזע התרגשות פון התרוממות און שמחה וחדוה עילאה, איז נישט מעגליך אראפצוגעבן אדער אויסצו'משל'ן, "שמחת תורה אין טאהש" בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל, אלפי תלמידים וחסידים מבכל מקומות

מושבותיהם, תחת צילא דמהימנותא קדישא פון רבינו שליט"א, מען האט ממש געשפירט אין די לופטן אז רבינו הקדוש זי"ע איז דא צווישן אונז, וואו רבינו שליט"א חזר'ט כסדר איבער, און מען האט זיכער אויסגע'פועל'ט אלעס גוטס.

## ליל הושענא רבה

בשעה 7:00 פארנאכטס איז דער רבי אריינגעקומען צו תפילת מנחה ומעריב בהיכל ביהמ"ד הגדול, צום עמוד איז צוגעגאנגען צו מנחה מו"ה אשר אנשיל בערגער הי"ו פון קרית יואל יו"ר האיחוד, צו מעריב הרה"ח ר' חיים אלתר פעלבערבוים הי"ו פון בארא פארק. תיכף נאך מעריב האט מו"ה מאיר סג"ל קרויס הי"ו פארגעליינט קריאת משנה תורה.

נאך משנה תורה האט דער רבי מעביר סדרה געווען פרשת וזאת הברכה בחדרו הפרטי. דערנאך איז דער רבי אריינגעקומען צום שלה"ט אושפיזא דדוד, אין די גרויסע סוכה. די טיש איז אריבער גאר דערהויבן, עס האבן זיך אנגעזעהן די הונדערטער געסט פון אומעטום וועלכע זענען געקומען מיטצוהאלטן די דערהויבענע צווייטע טעג יום טוב בצילא דמהימנותא.

דער רבי האט געצינדן ליכט, זיך געוואשן צו די סעודה, געטיילט שיריים פון אלע מאכלים, אזוי אויך האט דער רבי געטיילט שיריים פון די פילע קוגלען פון די בעלי האושפיזין. במשכ'ן טיש האבן די מקהלת המנגנים אנגעפירט מיט די ניגונים, און געזינגען ספעציעלע ווארימע ניגונים וואס מען זינגט אין די ימים נוראים.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן אתה אחד הרה"צ רבי אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל לאווי שליט"א פון קרית יואל,

מיט די 15 שיר המעלות לשמחת בית השואבה זענען מכובד געווארן אנשים מכובדים ואורחים חשובים, צווישן אנדערע: הרה"ח ר' יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו פון קרית יואל, הרה"ח ר' חיים אלתר פעלבערבוים הי"ו פון בארא פארק, הרב דוד יודא לאנדאוי הי"ו פון מאנסי, הרה"ח ר' מרדכי מאירוביץ הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר יודא לייב פישער הי"ו פון קרית יואל, מוה"ר חיים יוסף יודא גרינוואלד הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר שמואל דוד גוטמאן הי"ו פון קרית יואל, מוה"ר חנוך דוד שלום וויינגארטן הי"ו, הרב אלתר אלכסנדר ליפא לאבין שליט"א פון וומסב"ג, הרב יואל זוסמאן מערץ שליט"א פון וומסב"ג נכד רביה"ק זי"ע, העסקן הדגול מוה"ר אהרן פיקסלער הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר דניאל הלל פיליפסון הי"ו פון מאנסי, מוה"ר חיים הערש לאקס הי"ו, מוה"ר משה דוד יאקאבאוויטש הי"ו פון בארא פארק, מוה"ר אלי' מאיר פיש הי"ו פון וומסב"ג.

לדוד ה' אורי הרב שמואל פישמאן הי"ו פון מאנטריאל, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען האדמו"ר שאץ שליט"א פון מאנטריאל, שיר המעלות הב' דוד ברנש"ז הערשקאוויטש נ"י.

תיכף נאכן טיש איז דער רבי אריינגעקומען צו אמירת כל ספר תהלים אין ביהמ"ד הגדול. דער רבי האט פארגעזאגט ביים עמוד, און נאך תהלים האט דער רבי געזאגט קדיש און געוואונטשן א גוט יום טוב.

## יום הושענא רבה

דער רבי איז צוגעגאנגען צו שחרית, מיט די נוסח פון ימים נוראים, פארגעדאווענט הלל, און געפראווועט די עבודת הנענועים מיט גרויס התעוררות, ווען מען האט געזינגען די ניגונים הנהוג בחצרות קדשינו. נאך הלל האט מען געזאגט די הושענות, דער רבי האט פארגעזאגט בקול בכי מיט גרויס התעוררות און ארומגעגאנגען די בימה, ווען צווישן יעדע הושענא האט דער רבי געבלאזן די תקיעות, אלץ בעלי מקריא זענען מכובד געווארן: כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגה"צ אב"ד ראשית חכמה שליט"א, הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש שליט"א, הרה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א חדב"ן.

פארן בלאזן האט הרה"ח הישיש ר' הערש לייב וויינבערגער הי"ו איבערגעגעבן די שופר פארן רבי'ן. בשעת'ן בלאזן האבן געהאלטן די ד' מינים פונעם רבי'ן, הנגידים תומכי מוסדותינו הקדושים, הלוא המה: הרה"ח ר' יואל שווארץ הי"ו פון קרית יואל, הנגיד ר' ישראל אלי' ברוך ענגעל הי"ו פון מאנסי, הרה"ח ר' ישראל צבי מאירוביץ הי"ו פון בארא פארק, הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א חבר הנהלת קהלתינו הק', הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר אברהם יצחק מערמלשטיין הי"ו יו"ר ועד קרן הבנין דקהלתינו הק' וומסב"ג, מוה"ר דניאל הלל פיליפסון הי"ו פון מאנסי.

נאך די פיוטי הושענות האט מען געזינגען קדיש תתקבל, און פאר תתקבל האט מען געקלאפט די הושענות כנהוג.

ביים ליינען האבן עולה געווען: כהן הנגיד מוה"ר ישראל אלי' ברוך ענגעל הי"ו, לוי רבינו שליט"א, שלישי הרה"ח ר' יואל שווארץ הי"ו מראשי קהלתינו הק' קרית יואל, רביעי הרה"ח הישיש ר' הערש לייב וויינבערגער הי"ו. הגבה הרה"ח ר' משולם איסר סג"ל לאווי הי"ו פון בארא פארק, גלילה מוה"ר יוסף חיים סג"ל קרויס הי"ו יו"ר וועד קרן הבנין דקהלתינו הק' קרית יואל.

מוסף האט געדאווענט פארן עמוד הרה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, פארן דוכנ'ען האט דער רבי אפגעגאסן די כהנים כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הרבני הנגיד ר' ישראל ענגל הי"ו. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' הערשל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג.

נאכן דאווענען האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט יו"ט' פאר כל הקהל הקודש.

◆

דערנאך איז דער רבי אריינגעקומען צום עריכת שלחן הטהור בהיכל הסוכה הגדולה, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען האדמו"ר מ'ראדאשיץ שליט"א פון קרית יואל.

## ליל שמיני עצרת

ליל שמיני עצרת איז כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה, און דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב.

תיכף נאך מעריב האט דער רבי אנגעהויבן מיט א קול חוצב להבות אש 'אתה הראית לדעת, כי השם הוא האלוקים, אין עוד מלבדו', און דערנאך די ווייטער'דיגע נוסח, מיט די נעימות'דיגן ידיד נפש און אדון הכל, און אריינגענומען דעם גאנצן ציבור אין א העכערע אטמאספערע, און דערנאך האט מען מכבד געווען רבני ודייני קהלתינו הק', און נכדי רבינו הקדוש זי"ע, מיט א ספר תורה.

**נאכן זאגן די סדר הקפות, האט דער רבי אנגעהויבן די עבודה נשגבה פון די ריקודים, טאנצענדיג מיטן ספר תורה פון רבינו הקדוש זי"ע, ארומלויפנדיג די חלל הביהמ"ד ארום און ארום, און דערנאך ביי יעדע זייט עקסטער, בשעת דער גאנצע עולם הייבט זיך אין די לופטן בשמחת התורה, מיט די נייע אויסשטעל אריינצונעמען די גאנצע ציבור ימה וקדמה צפונה ונגבה, די בחורי חמד תלמידי הישיבות פון די הויעכע פארענטשעס אויף מזרח זייט, און די אברכים ובעלי בתים פון די הויעכע פארענטשעס אויף מערב זייט, און די ילדי תשב"ר אויף דרום זייט, און ביי די צפון זייט פון ביהמ"ד די חשובי העדה אויפן ספעציעלן פלאטפארמע, און אינמיטן פון ביהמ"ד איז געווען די ריזיגע חלל ווי דער רבי האט אפגעראכטן די געהויבענע ריקודין, וינועו אמות הסיפים, עס איז נישט דא די ריכטיגע ווערטער וואס זאלן דאס קענען ארויסברענגען און באשרייבן, וואויל פאר אונז אז מיר האבן זוכה געווען מיטצוהאלטן אזעלכע דערהויבענע הקפות, און מען האט זיכער אויסגע'פועל'ט אלעס גוטס, ואשרי עין ראתה כל אלה.**

די ניגונים במשך די הקפות האט אנגעפירט הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית צירל. די צאן קדשים זענען געווען אונטער די אויפזיכט פון די געטרייע עסקנים ומלמדים הרב אברהם לייב ראזענבוים הי"ו מנהל חברת תהלים דקהלתינו הק', מוה"ר יואל בר"ש גוטמאן הי"ו פון קרית יואל, מו"ה יצחק שמואל שווארץ הי"ו פון קרית יואל, מו"ה יעקב דוב כהן הי"ו פון בארא פארק, מו"ה נפתלי הערש לאנדאוי הי"ו, ובראשם מו"ה יעקב יצחק יואל וויינגארטן הי"ו פון קרית יואל.

אינמיטן די הקפות האט דער רבי מכבד געווען גיסו כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א צו טאנצן מיט די ספר תורה אין די רינג.

ביי די פערדע הקפה ווען מען האט געזינגן ובכן צדיקים יראו וישמחו, איז דער רבי צוגעלאפן צום מקום אדמת קודש היא ביים עמוד פון רבינו הקדוש זי"ע, וואו רביה"ק האט אפגעראכטן די הייליגע עבודה למעלה מששים שנה, און געטאנצן במקומו הקדוש מיט ספעציעלע תנועות, און נאך א תפילה קצרה צוריק אריין אינמיטן ביהמ"ד, און ווייטער אפגעראכטן די ריקודי הקודש מיט די נענועים מיט די ספר תורה אויף אלע זייטן, וחסידים ברנה יגילו, די גאנצע ביהמ"ד האט מיטגעטאנצן מיט התעוררות און התלהבות.

נאך די הקפות האט מען געזאגט עלינו לשבח, און דער האט רבי' געוואונטשן א גוט יו"ט פאר כל הקהל הקודש.

◆

בערך א האלבע שעה נאך די הקפות איז דער רבי אריינגעקומען צום שלה"ט בהיכל הכולל, אינאיינעם מיט די אורחים החשובים. הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הרה"ח העסקן הדגול ר' אהרן הכהן פיקסלער הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי האט געבענטשט על הכוס, לרגל די יארצייט פון די באבע הרבנית הצדיקת פריידל ז"ל בת הרה"ק רבי יצחק אייזיק מ'סוואליווע זי"ע, מחברתו הטהורה פון רבינו הסב"ק זיעועכ"י. הגבהת הכוס מוה"ר פנחס קליין הי"ו פון מאנטריאל.

נאכן בענטשן האט דער רבי געוואונטשן א גוט יו"ט פאר כל הקהל הקודש.

## יום שמיני עצרת

אינדערפרי איז דער רבי צוגעגאנגען צו אלע תפילות לרגל די יארצייט. פתיחה צו תפלת גשם איז געקויפט געווארן פאר רבינו שליט"א, פאר א אסטראנאמישע סכום, דורך הנגיד הרוצה בעילום שמו הי"ו, דער רבי האט אים אנגעוואונטשן ווארימע ברכות לרוב.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ח ר' מרדכי מאיר לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, לוי הרה"צ רבי יצחק אייזיק אלכסנדר ליפא סג"ל שליט"א ר"מ ישיבה גדולה תורת משולם פייש, געקויפט דורך הנהלת בית חוה אין וומסב"ג, שלישי הרה"ג ר' יחיאל מיכל מאסקאוויטש שליט"א מרבני בית מדרשינו מאנטריאל, רביעי הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו, חמישי הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א.

פאר מפטיר האט דער רבי אנגעטון די בעקיטשע פונעם הייליגן אפטא רב זי"ע, און די קאפל און גארטל פון רבינו הקדוש זי"ע, און עולה געווען מפטיר.

נאך יזכור איז דער רבי צוגעגאנגען צו מוסף, מען האט געבענטשט גשם מיט גרויס התעוררות, און מען האט געזינגען די מקובל'דיגע ניגונים. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' דוד מנשה קרויס הי"ו פון מאנסי.

דערנאך האט דער רבי אפגעראכטן די עבודת ההקפות כנהוג, פארגעזאגט אתה הראית, ארומגעגאנגען די בימה זיבן מאל פארזאגענדיג די נוסח הקפות.

דערנאך איז דער רבי צוגעגאנגען צו תפילת מנחה.

◆

תיכף נאך מנחה איז דער רבי אריינגעקומען צום קידוש לע"נ זקנתו הרבנית הצדיקת ז"ל אין היכל הסוכה הגדולה, וואו עס

איז געווען צוגעשטעלט א ברייטע קידוש פארן גאנצן ציבור. דער רבי האט געמאכט קידוש, טועם געווען פון די קוגל און פערפעל, געטיילט שיריים פאר אלע נאספים, און מען האט געזינגען ווארימע ניגונים.

דערנאך האט מען זיך געזעגנט פון די סוכה, דער רבי האט פארגעזאגט די יהי רצון, אויפן ניגון המקובל פונעם הייליגן בני יששכר זי"ע, און דערנאך געקישט די 4 ווענט, און מען האט זיך ארויסגעלאזט אין פריידיגע ריקודין לשנה הבא בירושלים.

נאך א קורצע הפסקה איז דער רבי צוריק אריינגעקומען אין די סוכה הגדולה און געמאכט קידוש צום סעודה, דער רבי האט זיך געוואשן, און געטיילט שיריים פון אלע מאכלים, און מען האט געזינגען ניגונים לכבוד יום טוב.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' יחיאל מיכל מאסקאוויטש שליט"א מרבני בית מדרשינו מאנטריאל, שיר המעלות הב' משה ב"ר יואל בער מאנדל ני"ו פון לאנדאן.

דערנאך איז דער רבי אריבער צו די סוכה הפרטי בביתו נאוה קודש, געזאגט די יהי רצון, און זיך געזעגנט פון די סוכה.

## ליל שמחת תורה

דער רבי איז צוגעגאנגען צום עמוד צו תפילת מעריב בהיכל ביהמ"ד הגדול, תיכף נאך מעריב האט דער רבי אנגעהויבן אתה הראית מיט א אש קודש, און אפגעראכטן די דערהויבענע הקפות, כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני', די עבודה נשגבה מיט די ריקודי קודש, ואשרי עין ראתה כל אלה.

במשך די פערדע הקפה זענען פארגעקומען פרייליכע ריקודין די גאנצע עולם צוזאמען בחלל הביהמ"ד זקנים עם נערים, בעלי בתים ובחורי חמד זיך פרייענדיג בשמחת התורה, כי הוא לנו עוז ואורה. אין די זעלבע צייט איז דער רבי אריבער צו די דעזיגנירטע פלעצער ווי די קינדער זענען געווען פלאצירט, און אלע קינדער האבן געהאט די געלעגנהייט אריבער צו גיין קישן די ספר תורה פון רבי'ן, מיט וואס רבינו הקדוש זי"ע האט געטאנצן מיט דעם די הייליגע עבודת ההקפות. דערביי בשעת'ן קושן האבן די קינדער געזינגען ניגוני תורה, הערב נא השם אלקינו, און והאר עינינו בתורתך וכדו'.

⋄

צווישן די הקפות האט דער רבי אין א אויסערגעווענליכע שריט פאררופן בחדרו הפרטי, די טייערע בחורי חמד וועלכע זענען אריין לערנען אין די נייע ישיבה גדולה תורת משולם פייש אין ניו יארק, וואו דער רבי האט ארויסגעהויבן די געוואלדיגע שריט, וואס איז זיכער א כבוד פארן אייבערשטן, און א נחת רוח לנשמתו הטהורה פון רבינו הקדוש זיעועכ"י, צוזעהנדיג בשמים ממעל וואו מיר האלטן זיך ווייטער אן אויפן הייליגן דרך וואס ער האט אונז אויסגעלערנט, און זיך מוסר נפש געווען פאר הרבצת התורה כל ימיו, אנוואונטשענדיג ברכת קדשו, אז זייערע דורות וועלן בעז"ה וואקסן און בליען בזכותו הגדול והקדוש.

⋄

נאך די הקפות האט מען צוריק אריינגעברענגט דעם באלעמער אינעם חלל הביהמ"ד, און מען האט פארקויפט די עליות פאר גאר הויעכע אסטראנאמישע סכומים. אתה הראית איז געקויפט געווארן פאר רבינו שליט"א דורך הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין הי"ו, בשותפות מיט מוה"ר נפתלי צבי ברוך לאנדאוי הי"ו, דער רבי האט זיי אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

נאכן פארקויפן די עליות האט מען אנגעהויבן קריאת התורה, אנטוענדיג דעם "צילינדער היט" כנהוג. על הכל האט פארגעזינגען מוה"ר יהוסף מרדכי מערמעלשטיין הי"ו, געקויפט געווארן דורך קרן הבנין דקהלתינו הק' מאנטריאל, כאות הכרת הטוב פאר זיינע פילע פעולות לטובה.

כהן האט עולה געווען הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו, לוי רבינו שליט"א, געקויפט געווארן פאר א אסטראנאמישע סומע דורך אב"ד קלוזש שליט"א מגדולי תומכי מוסדותינו הקדושים, נאכן עולה זיין האט דער רבי אים אנגעוואונטשן ווארימע ברכות. שלישי מוה"ר משה פעקעטע הי"ו, רביעי הרה"ח ר' נתן פייטל פאשקעס הי"ו פון מאנטריאל, חמישי הרה"ח ר' יואל שווארץ הי"ו מראשי קהלתינו הק' קרית יואל, הגבה מו"ה שלמה זאב וועזעל הי"ו, גלילה הב' הערשל פאל ני"ו.

נאכן ליינען האט מען צוריקגעלייגט אלע ספרי תורות, און געזינגען אדון עולם. דער רבי האט געוואונטשן 'א גוט יו"ט' פאר כל הקהל הקודש.

⋄

ביים שלה"ט בהיכל הכולל, הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן העסקן הדגול מוה"ר יוסף אלימלך מאירוביץ הי"ו פון בארא פארק. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' ישראל צבי מאירוביץ הי"ו פון בארא פארק.

## יום שמחת תורה

פסוקי דזמרה האט געדאווענט מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו חבר הנהלת ת"ת, צו שחרית איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' חיים אלתר פעלבערבוים הי"ו גבאי בית מדרשינו בארא פארק.

ביי ברכת אהבה רבה האט מען בבקשת רבינו שליט"א געזינגען דעם הייליגן ניגון פון הרה"ק רבי הערש מ'רימנוב זיעועכ"י.

פארן דוכנ'ען האט דער רבי אפגעגאסן גיסו כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו הלל מיט גרויס התעוררות.

נאכן שיר של יום האט דער רבי אנגעהויבן די עבודת הקפות, פארגעזאגט אתה הראית, ידיד נפש, אדון הכל כנהוג, און דערנאך אפגעראכטן די געהויבענע עבודת הקפות. די זכות אתה הראית איז געקויפט געווארן פאר א אסטראנאמישע סכום פאר רבינו שליט"א דורך מוה"ר דוד יודא מערמעלשטיין הי"ו, דער רבי האט אים אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

⋄

נאך די הקפות איז פארגעקומען קריאת התורה, די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר יחזקאל שרגא הכהן קאהן הי"ו פון מאנסי, לוי רבינו שליט"א, געקויפט געווארן פאר א אסטראנאמישע סכום דורך מוה"ר נפתלי צבי ברוך לאנדאוי הי"ו וומסב"ג, און נאכן עולה זיין האט דער רבי ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב. שלישי מוה"ר ישראל נפתלי מערמעלשטיין הי"ו, רביעי מוה"ר הערש אלימלך עסטרייכער הי"ו, געקויפט געווארן דורך הנהלת טאהש מעדיקל פון קריתינו הק', חמישי - כל הנערים מוה"ר אלי' מאיר פיש הי"ו פון וומסב"ג.

חתן תורה האט עולה געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א געקויפט געווארן פאר א סכום הגון דורך הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו בשותפות הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו, חתן בראשית האט עולה געווען רבינו שליט"א, געקויפט געווארן פאר א סכום הגון דורך הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א חבר הנהלת קהלתינו הק', בשותפות מוה"ר נפתלי צבי ברוך הכהן לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, נאכן עולה זיין האט זיי דער רבי ווארעם אנגעווינטשן ברכות לרוב. חתן מפטיר האט עולה געווען מוה"ר יחזקאל ווייס הי"ו פון מאנטריאל.

הגבהות וגלילות מו"ה מאיר יצחק פישער הי"ו פון מאנסי, מו"ה אברהם אלימלך פיליפסון הי"ו פון מאנסי, מו"ה יואל ישי גוטמאן הי"ו פון וומסב"ג, החתן אשר עזיל סג"ל קרויס הי"ו, הב' שמואל סג"ל קרויס נ"ו, הב' פנחס סג"ל קרויס נ"ו, בני ר' יואל ברי"א הי"ו פון וומסב"ג.

נאכן ליינען האט מען געדאווענט מוסף און מנחה, דער רבי האט צוגעשיקט צום עמוד מוה"ר יואל קלמן הערשקאוויטש הי"ו גבאי בית מדרשינו קרית יואל, לכבוד די יארצייט פון זקינו הרה"ק רבי יעקב פיש זצ"ל מ'קאלוב. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר משולם זושא אונגאר הי"ו פון מאנטריאל.

✧

פארנאכטס איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור נעילת החג 'עפל טיש' בהיכל ביהמ"ד הגדול, און זיך געוואשן צום סעודה. די מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו אנגעפירט מיט די ניגונים, מען האט געזינגן ווארימע ניגוני יום טוב. דער רבי האט פארטיילט שיריים פון אלע מאכלים, און געוואונטשן לחיים.

במשכ'ן טיש האט דער רבי פארגעזינגען דעם ניגון והי' ביום ההוא יתקע בשופר גדול, הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א האט פארגעזינגן והופע בהדר, הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א האט פארגעזינגען די ניגון רבוש"ע לאמיר מאכן א בייט, און לאמיר דערציילן די מעלות פון אידישע קינדער, הרה"ח ר' יעקב זוסמאן הי"ו משב"ק האט פארגעזינגן סול א קאקאש, און מען האט ממשיך געווען מיט ניגוני שמחה ודביקות.

במשכ'ן טיש האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט טאנצן ריקודין עילאין, דער גאנצער עולם איז מיטגעשלעפט געווארן אין געהויבענע ריקודין, זיך געזעגנדיג פונעם הייליגן יום טוב.

פארן בענטשן האט דער רבי געמאכט א ברכה אויף די עפל, און טועם געווען, דערנאך געווארפן עפל פארן ציבור כנהוג, פארן אויבן אן, און דערנאך פאר זקני ונכבדי קהלתינו הק'.

דערנאך האט מען געבענטשט, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' הערשל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג. תיכף נאכן בענטשן האט מען זיך געשטעלט דאווענען מעריב, דער רבי איז צוגעגאנגען צום עמוד.

נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן מוה"ר בצלאל פישער הי"ו פון וומסב"ג. דערנאך איז דער עולם אריבער נעמען עפל פאר א לענגערע צייט, און די מקהלת המנגנים דחצ"ק האבן אנגעפירט בשירה ובזמרה.

דערנאך איז דער ציבור ובראשם רבינו שליט"א ארויסגעקומען צום שווארץ געדעקטן גאס, ווי מען האט אהיימבאגלייט דעם רבי'ן בשירה ובזמרה בתופים ובמחולות, ווען אויפן גאנצן וועג קומען פאר ריקודין, דאנקענדיג דעם בורא כל עולמים אויף די הייליגע ירושה פון רבותינו הקדושים למעלה בקודש, אשרי עין ראתה כל אלה, מיט א תפלה לקל חי אז עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים, מיר זאלן ווייטער זוכה זיין זיך צו קלאמערן בצל הקודש עד ביאת הגואל.

אנקומענדיג צו ביתו נאוה קודש האט רבינו שליט"א משמיע געווען ברכת הקודש והדרכת השנה, (זעה די פולע דברות קודש געדרוקט אינעם גליון).

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען דעם ציבור אורחים החשובים לברך ולהתברך ביז אין די טיפע נאכט שטונדן.

ויום טוב הי' עושה בצאתו בשלום מן הקודש, אשרי העם שככה לו אשרי העם שה' אלקיו, מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס!

## דאנערשטאג פר' בראשית - אסרו חג

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר יעקב אלימלך לייפער הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## עש"ק פר' בראשית

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די אפשערן פון בן מו"ה יוסף גוטמאן הי"ו פון מאנטריאל, ווי דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה

## שבת קודש פר' בראשית

בערך 15 מינוט פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי' ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע און די ליכט ביים עמוד, געצינדן די נרות שבת, און גזאגט שיר השירים.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◇

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מו"ה אלי' וויינגארטן הי"ו פון קרית יואל. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"ג ר' נחמי' צבי' חיים סג"ל קרויס שליט"א, הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, הרב יואל האלבערשטאם שליט"א פון בארא פארק, אב"ד קלוזש שליט"א, הרה"ח ר' ישראל הערש פעלערבוים הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי' האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי' מכבד געווען הרה"ח ר' ישראל בנימין סג"ל לאווען הי"ו, שיר המעלות הב' אלימלך פאפלאנאש נ"י. שבח נותנים הרה"ח ר' יחזקאל שרגא טעללער הי"ו פון אנטווערפן.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי' געוואונטשן 'א גוט שבת'.

◇

שבת אינדערפרי האט דער רבי' פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה און שחרית איז צוגעגאנגען מוה"ר אלי' סג"ל קרויס הי"ו לרגל די יארצייט פון זיין טאטע הרה"ח ר' אלקנה מאיר ע"ה.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הב' הבר מצוה בן מוה"ר הערש אלימלך קאהן הי"ו, לוי הרה"צ רבי אברהם יודא סג"ל שליט"א, שלישי הרה"ח ר' נחמי' אלתר ראזענצווייג הי"ו, רביעי הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו, חמישי הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו, ששי הב' מרדכי ב"ר איתמר ארגעל הי"ו, שביעי הרה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א חדב"ן, הוספות: הרב יואל האלבערשטאם שליט"א פון בארא פארק, אחרון מוה"ר אלי' סג"ל קרויס הי"ו.

פאר מפטיר האט דער רבי' געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען רבינו שליט"א. הגבה מוה"ר יואל טייטלבוים הי"ו פון קרית יואל, גלילה מוה"ר שמואל שעהר הי"ו פון מאנסי.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען מוה"ר אלי' סג"ל קרויס הי"ו. פתיחה צו אנעים זמירות מו"ה פנחס מרדכי יודא קליין הי"ו.

◇

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי' אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מו"ה מאיר יצחק פישער הי"ו פון מאנסי.

אז ביום השביעי מוה"ר חיים שיינער הי"ו פון טאראנטא, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי' מכבד געווען מוה"ר יואל טייטלבוים הי"ו פון קרית יואל.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי' געוואונטשן א גוט שבת.

◇

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו מנחה העסקן מוה"ר אלימלך ראזענצווייג הי"ו. די עליות האבן עולה געווען ראשון הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, שני מו"ה פנחס מרדכי יודא קליין הי"ו, שלישי מוה"ר יואל טייטלבוים הי"ו פון קרית יואל, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה החתן יצחק ב"ר יוסף אשר געלב הי"ו.












קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יעקב הכהן קרויס הי"ו. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן, הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן, מוה"ר אלי' סג"ל קרויס הי"ו, הרה"ח ר' נחמי' אלתר ראזענצווייג הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס רבינו שליט"א, הגבהת הכוס מוה"ר זיידא ישראל חיים סג"ל קרויס הי"ו חבר הנהלת הכולל, שיר המעלות הב' צבי הירש פיש ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, נאך מעריב איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר.

דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, די הבדלה האט געהאלטן החתן יצחק געלב ני"ו תלמיד ישיבתינו הק'.

דערנאך האט דער רבי פארצייילט שיחות קודש פונעם הייליגן קדושת לוי זכותו יגן עלינו.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## זונטאג פר' נח

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר הערש אלימלך קאהן הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## דינסטאג פר' נח

פארמיטאג איז פארגעקומען די אפשערן פון בן מו"ה חיים אפרים צוויבל הי"ו, דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

נאכמיטאג איז דער רבי ערשינען אויף א באזוך במסגרת ישיבת בין הזמנים, בהיכל ביהמ"ד אברכים. דער רבי האט זיך אומגעקוקט מיט א קענטיגע קורת רוח און ארומשפאצירט צווישן די לומדים אין פיל געפאקטע ביהמ"ד, און געשעפט הויפענעס נחת.

מען האט געזינגען ווארימע ניגוני תורה, דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש, און דערנאך פארטייילט די מתנות.

## מיטוואך פר' נח

ביינאכט איז דער רבי אנגעקומען צום קבלת פנים ביים חתונה פון בת מוה"ר יצחק עזריאל פריעד הי"ו אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה געוואונטשן לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, געגאנגען באדעקן די כלה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, דער רבי האט אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

## דאנערשטאג פר' נח

נאכמיטאג איז דער רבי ערשינען צום שלחן הטהור סעודת ראש חודש חשון, בהיכל ביהמ"ד הגדול. געציינדן ליכט, זיך געוואשן צום סעודה, געוואונטשן לחיים און פארטייילט שיריים פון אלע מאכלים.

אויפן אויבן אן האבן באשיינט האדמו"ר מקאמארנא שליט"א פון ארץ ישראל וועלכע איז מכובד געווארן מיט ברכי נפשי, הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, האדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, ונכדי רביה"ק זי"ע.

עס איז געווען צוגעגרייט א ברייטע סעודה פאר כל הקהל הקודש, און תלמידי ישיבה גדולה האבן אנגעפירט מיט די ניגוני היום, דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

דער רבי האט געבענטשט על הכוס, לרגל די יארצייט פונעם זיידן הרה"ק רבי יודא ווינגארטן זצוק"ל, הגבת הכוס איז מכובד געווארן מוה"ר שמואל יצחק פויגעל הי"ו פון וומסב"ג.

⋄

ביינאכט האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל. ביי משפחת ר' דוב בער ב"ר מאיר פריעדמאן ע"ה פון טאראנטא, דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די משפחה און ווארעם אנגעוואונטשן.

⋄

שפעטער איז פארקומען א געלונגענע אסיפה בביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א, צווישן דעם בירגערמייסטער פון בויסבריאנד און דעם נייעם קאנדידאט וואס קאנדידירט פארן שטאט-ראט, אינאיינעם מיט די הנהלת הקהלה, אין בעפארגרייטונג צו די וואלן קומענדיגע וואך. דערנאך זענען זיי אריין צו רבינו שליט"א וואו זיי האבן זיך אונטערגענומען צו ארבעטן ארויסצוהעלפן קריתינו הק', און דער רבי האט אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

## שב"ק פר' נח

רבינו שליט"א האט געפראוועט דעם שבת באופן פרטי אין קאנטרי, מיט א ענגע צאל משמשים בקודש וזרע המלוכה.

## זונטאג פר' לך

דער רבי האט מנחם אבל געווען ביי הרה"ג ר' דוד שלמה יונגרייז שליט"א, וועלכע איז געזיצן שבעה נאך א ברודער הגה"צ אב"ד טאלטשאווא זצ"ל, וואו דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן.

בס"ד

# חבורות עבודת עבודה

די הייליגע
ספרים וואס באשיינען אונזער
לעבן, ווערן פארגעלערנט
יעדע וואך מיט א ספעציעלע
נעימות'דיגע שפראך, דורך
ותיקי תלמידים וואס זענען
דולה ומשקה מתורת רבינו
הקדוש והטהור זי"ע פאר די
לעכטיגע בחורי אנ"ש,

וואס ווילן
חזר'ן און געדענקן וואס
רבינו הקדוש זי"ע האט
געוואלט פון אונז, און גיין און
זיינע הייליגע וועגן, במסגרת

חבורות
עבודת
עבודה

אין אלע
בתי מדרשים
הקהילותינו
הקדושות ברחבי תבל

לא
רעב
ללחם
ולא
צמא
למים
כי אם
לשמוע
את
דבר
השם




## סדר החבורות:

לשנת תשפ"ז לפ"ק

| | |
|---|---|
| בית מדרשינו<br>**בארא פארק**<br>בראשות<br>הרה"צ<br>רבי יעקב סג"ל שליט"א<br>בן כ"ק מרן רבינו שליט"א<br>ליל ששי • בשעה 9:15<br>בחדר עזרת נשים | בית מדרשינו<br>**מאנסי**<br>בראשות<br>הרה"ג ר'<br>יעקב יואל רובין<br>שליט"א<br>מוצש"ק • בשעה 8:30<br>בהיכל בית מדרשינו |
| בית מדרשינו<br>עטרת מרדכי<br>**וויליאמסבורג**<br>בראשות<br>הרה"ג ר'<br>אלעזר ליעבערמאן<br>שליט"א<br>מוצש"ק • תיכף נאך מעריב<br>בבית מדרשינו | בית מדרשינו<br>**קרית יואל**<br>בראשות<br>הרה"ג ר'<br>מרדכי בעריש<br>מערמעלשטיין שליט"א<br>מוצש"ק • תיכף נאך מעריב<br>בחדר נפתלי |
| בית מדרשינו<br>**מאנטריאל**<br>בראשות<br>הרה"ג ר' אלכסנדר<br>בלויא שליט"א<br>מוצש"ק • תיכף נאך מעריב<br>בבית מדרשינו | בעיה"ק<br>**ירושלים**<br>בראשות<br>הרה"ג ר' משה רוטמאן שליט"א<br>בביהמ"ד קרעטשניף<br>לפרטים נא להתקשר עם מנהל החבורה<br>הרב ר' מרדכי קאהן שליט"א<br>055-339-9127 |

מבעל
איחוד
להתאחד
בחורי אנ"ש

איך בין טאקע
א טאהשע
בחור, אבער
וואס וויל דער
רבי איך זאל טון
לכבוד דעם?

קום אריין,
זעץ דיך
אראפ,
און הער...

## קול איחוד טאהש

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערווידס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת הוריות (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעביר

מזון הנפש

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת וירא =

| | ז' עמודים - מסכת סנהדרין | | ה' עמודים - מסכת בבא מציעא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק לך לך | דף יא: | דף ח. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף יב. | דף ח: | דף קיז. | דף קיד: |
| מאנטאג | דף יב: | דף ט. | דף קיז: | דף קטו. |
| דינסטאג | דף יג. | דף ט: | דף קיח. | דף קטו: |
| מיטוואך | דף יג: | דף י. | דף קיח: | דף קטז. |
| דאנערשטאג | דף יד. | דף י: | דף קיט. | דף קטז: |
| | מתחילין מס' זבחים | | | |
| עש"ק | דף ב. | יא. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת ויצא


יו"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג